בס"ד

שנה ג'
נומער 155
פרשת ויגש
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל

נייעס:
**הערליכע שבת חנוכה אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א**

היסטאריע קעסטל:
**היסטאריע פון אויסגראמען מוהרא"ש זי"ע**

מיט א טיפערן בליק:
**דער שטרענגע שפיגל**

## יומא דהילולא קדישא
## רבי נתן זי"ע

עשרה בטבת



גרויסארטיגע חנוכת הבית מוצאי שבת מקץ פאר'ן צווייטן בנין התלמוד תורה אין שטעטל



סיום הש"ס פון האברך אברהם אלי' פרידריך הי"וביים מסיבת חנוכת הבית מוצאי שבת מקץ



בריוו צו די רעדאקציע
חיזוק פון די ארטיקל "אונזערע העלדן"
3



צום פינטל
פארראכטן דעם ענדזשין לייט
4



שטעטל נייעס
הערליכער יום טוב חנוכה אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה
6



מיט א טיפערן בליק
דער שטערנגע שפיגל
10



הילולא קדישא
יארצייט פון רבי נתן זצ"ל
20



היסטאריע ווינקל
היסטאריע פון איסגראמען מוהרא"ש זי"ע
22


# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייַנצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

ויגש ז' טבת תשפ"ג

הדלקת הנרות.........04:18
מוצאי שבת...........05:50

מנחה מעריב ויחי ... 05:35

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 30 | 47°/36° | | Mostly Cloudy |
| Sat 31 | 47°/42° | | Showers |
| Sun 01 | 51°/37° | | Showers |
| Mon 02 | 45°/32° | | Partly Cloudy |
| Tue 03 | 42°/40° | | Showers |
| Wed 04 | 47°/36° | | Showers |
| Thu 05 | 41°/32° | | Rain/Snow Showers |
| Fri 06 | 39°/29° | | Rain/Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

קרית ברסלב בלעטל



# בריוו צו די רעדאקציע

## באקומען חיזוק פון "מיט א טיפערן בליק"

איך בין זיך מחי' מיט'ן בלעטל יעדן איינציגן וואך.

ספעציעל די בלעטל פון צוויי וואכן צוריק האב איך ארויסגענומען אסאך חיזוק פון דעם "א טיפערן בליק" קאלום, ער האט אזוי שיין און געשמאק באשריבן די שיינקייט און חשיבות פון א מפיץ, עס האט מיר געגעבן א שטארקע שטופ צו גיין ווייטער הפצה.

א גרויסן שכח ישראלי, גיי אן, און שרייב ווייטער נאך און נאך שיינע ארטיקלען.

א מפיץ פון לאנדאן

## נאך וועגן "מיט א טיפערן בליק" ארטיקל

איך האב געליינט די ארטיקל פון ישראל דוד העסקל נרו יאיר וואס האט גערעדט וועגן חיזוק פאר מפיצים, זייער שיין ארויסגעברענגט פאר די אלע וואס האבן נישט אזא גוטע בליק אויף די וואס זענען מפיץ די הייליגע ספרים, און חיזוק פאר די מפיצים וואס גייען הפצה.

וויל איך דא מיטטיילן אויך פון די אנדערע זייט מטבע, פון די מענטשן וואס זענען זיך יא מחי' און נעמען אזוי שיין די ספרים און קונטרסים.

איך גיי ברוך השם הפצה אין שטאט, איין טאג די פארגאנגענע וואך קלאפ איך אריין ביי איינעם, יענער עפענט אויף די טיר און איך זאג אים: "איך גיי נאך צדקה און דא האט איר א שיינע קונטרס" דער איד איז געווארן גאר פריילך און רופט זיך אן: "אהההה, דעם רבינ'ס תלמידים, ברסלב'ע תלמידים, לאמיר דיר געבן א שיינע סכום", ער נעמט ארויס א פופציגער און גיבט עס מיר אהין, כדי צו מחזק זיין אונזער ארבעט וואס אונז טוהן.

דאס איז איין מעשה וואס איז ממש יעצט געווען, אזוי איז דא נאך מעשיות וואס מענטשן זענען זיך מחי' מיט די קונטרסים און ספרים.

נפתלי הירצקא וואלנער

## אריינגעפאלן א טעות

איך וויל זיך שטארק באדאנקען פאר די בלעטל וואס קומט ארויס אזוי שיין יעדע וואך אן אויסנאם, מען זעט עס גייט אריין גאר אסאך ארבעט אין דעם, און וויפיל איך שטעל זיך פאר איז עס מן הסתם אסאך מער פון דעם, א גרויסן דאנק פאר אייער הארעוואניע, עס צאלט זיך אויס בכפלי כפלים.

איין קליינע הערה, צוויי וואכן צוריק וואך איז בטעות געווען די קעפל פון "א מעשה פון א צדיק" די זעלבע קעפל ווי די מעשה פון א וואך בעפאר, פארוואס איך שרייב דאס אייך איז, כדי איר זאלט זען אז מען ליינט אדורך פון דעקל צו דעקל יעדע ריר און יעדע ווארט, און מען האט הנאה פון יעדע קלייניקייט אינעם בלעטל.

חזקו ואמצו מיט די הייליגע ארבעט.

א שטענדיגע ליינער





# צום פינטל.

## פאראראכטן דעם ענדזשין לייט

קענסט אים?

נע קענסט אים נישט! פון וואנעט זאלסטו אים קענען?

ס'איז מיין חבר, א קלוגער יונגערמאן! נא אן קיין ליצנות, באמת א קלוגער יונגערמאן, א שאד דו קענסט אים נישט...

אך... יעצט וועסטו אים נישט קענען זען, ער ליגט אונטערן קאר, אבער איך זע אים, איך הער אים, איך בין טאקע יעצט נישט דארט נעבן אים, אבער איך קען הערן ווי דער שרייט, איך קען הערן ווי ער שעלט אוועק דעם מעכאניקער דער גנב דער רויבער, איך בין טאקע נישט דארט, איך זע אים נישט, אבער איך קען אים גענוג גוט אז אויסענווייניג זאג איך דיר, ווי די פנים שיינט אים מרוב שמחה אז ער האט נישט געדאפט צוקומען צו דעם מעכאניקער, ער האט זיך אליין א עצה געגעבן.

ער ליגט אונטערן קאר, ער שיינט מיט זיין טעלעפאן, ער זוכט די פראבלעם, ווען יעדע פאר מינוט ווערט די שטילקייט פונעם ליידיגן, הייוועי נומער זיבן און אכציגער - יא די באקאנטע מיילן לאנג לאאאאאנגע הייוועי וואס שניידט דורך גרויסע טיילן פון ניו יארק סטעיט ביז די ווייטע קאנאדא - ווערט צוטרייסלט פון די שנעל פליענדיגע טרעקטאר טרעילארס, וואס זיי מאכן זייערע וועגן טיף אינמיטן נאכט פארנדיג מיט זייערע סחורות לעגאויס די פאראייניגטע שטאטן.

וואס א מינוט גייט פארביי ווערן די העזערד'ס פון זיין קאר מער און מער אומזעהבאר, פון די געדעכטע שניי וואס הערט נישט אויף באדעקן זיין געשטראנדעטע קאר, אומזינסט פרובירן די ווייפערס אוועקצושארן די דיקע קאנאדישע שניי פלאריס וואס פאלן אומאויפהערליך אויף די פאדערשטע פענסטערס פונעם קאר, אומגעדולדיג זיצט אים דאס גאנצע פאמיליע אינעווייניג אינעם קאר ווארטענדיג אז דער טאטע זאל שוין ארויסקומען פון אונטערן קאר און פארזעצן די רייזע.

**ס'איז מיין חבר, א קלוגער יונגערמאן! נא אן קיין לצנות, באמת א קלוגער יונגערמאן, א שאד דו קענסט אים נישט...**

א שאד דו קענסט נישט אריינקוקן אונטערן קאר און זען ווי די פנים שיינט אים פאר פרייד אז ער האט אויסגעמיטן דעם טייוול, דעם פארפירערישן מעכאניקער, אך דער גנב, דער באטריגער, א מזל איך בין נישט געפאלן א קרבן צו זיין שווינדלערישע עצה, געלויבט דער פון אויבן איך האב געהאט דאס ביסל שכל אים נישט צו פאלגן, איך האב זיך אליינס א עצה געגעבן, און מיר אייגעשפארט די 5 אלפים וואס דער מעכאניקערערער האט געוואלט ארויסראבעווען פון מיר...

אויא נאו... נישט מיט מיר... ער קען ארבעטן אויף וועמען ער וויל, אבער נישט אויף מיר, איך בין אביסל קלוגער פון אים, הע! ער האט טאקע גע'חלומ'ט אז ער גייט רייך ווערן אויף מיר....? נא נא נא נא... אויב האט ער גערעכנט אז ער וועט זיך אנפאקן די טאשן מיט מיין געלט האט ער געמאכט א ביטערן טעות, אויא נאו... נישט מיט מיר... ברוך השם דאס ביסל שכל וואס דער אייבערשטער האט מיך באשאנקן... וואפ דער גנב דער שווינדלער, לבן הארמי קען זיך קומען לערנען פאפעריי פון אים.

**ס'איז מיין חבר, א קלוגער יונגערמאן! נא אן קיין לצנות, באמת א קלוגער יונגערמאן, א שאד דו קענסט אים נישט...**

די טרעילארס שמייסן אים אדורך יעדע פאר מינוט, באלד זעט מען שוין נישט זיין פיס וואס שטעקן זיך ארויס פון אונטערן קאר... אבער די שמחה אז ער איז גראטעוועט געווארן פונעם באטריגערישען נעץ פונעם מעכאניקער מאכט אים פארגעסן פון אלע זיינע פראבלעמען.

***

די געשהעניש גייט צוריק צום פארגאנגענעם זומער.

דעם פארגאנגענעם זומער בין איך געזיצן ביים מעכאניקער, מיט מיין משניות אין די האנט - איך ווארט אומגעדולדיג אז ער זאל מיר פותר חלום זיין וואס אזוינס עס גייט פאר מיט מיין קאר, די ענדזשין לייט האלט זיך אין איין אנצינדן, איך מוז וויסן וואס איך טו דא ווייטער, אפשר איז עס א קלייניקייט? אבער אפשר נישט? אפשר איז צייט פאר א נייע ענדשזין? איך ווארט ער זאל צוריקומען מיט די רעזולטאטן פונעם טשעקאפ וואס ער האט געמאכט אויפן קאר.

די פרקים משניות פארן א-מחיה, א פרק נאך א פרק, ח"י פרקים האב איך שוין זיכער געענדיגט דא ווארטענדיג, איך דריי מיך אריין, איך דריי מיך ארויס, פונדערווייטענס זע איך א ציגישער פנים פון מיין חבר, ער דערנענטערט זיך מיט זיין קאר, ער שטעלט זיך אפ פארענט פון מיר, הער! זאג, ביסט אינגאנצן פאר'נער'ט, דו זיצט ביים מעכאניקער, דער וועט דיר נאך אויסראבעווען דיין גאנצע פארמעגן, איך

האב נישט געוויסט אז אויף דיר קען מען מאכן א ליווינג, איך האב נישט געוויסט אז דו ביסט אזא קוה'עלע מען קען דיך אזוי אויסמעלקן.

איך האב געהאט די זעלבע זאך - זעצט ער פאר ווייטער מיט זיין פארטראג - עס האט זיך מיר געהאלטן אין איין אנצינדן די ענדזשין לייט, איך בין דא געזיצן ווי א נאר פונקט ווי דיר, דער מעכאניקער האט געוואלט פינעוו אלאפים! הערסטע פינעוו אלאפים דער רויבער, די קאר דארף א נייע ענדזשין... א נייע מעשה...

ער רופט מיך צו, ער ווייזט מיר זיין קאר, קוק! זעסט מיין קאר, עס פארט ווי א פידעלע, איך בין אוועק געגאנגען פון אים, איך בין געגאנגען צו א חבר וואס פארשטייט צו די זאכן, איך ווייז אים די פראבלעם, איך זאג אים וואס דער מעכאניקער האט מיר גע'עצה'ט, מיר האבן זיך ביידע גוט צולאכט... איך זאג נישט... עס האט מיר געקאסט א צוויי דריי הונדערט דאלער... אבער נאך אפאר שעה האט ער עס פאראכטן, ער האט מיר געוויזן ווי ער האט געעפענט די גאנצע פראנט חלק פונעם קאר און פשוט און פראסט ארויסגעדרייט די באלב פונעם ענדזשין לייט... איך האב נישט געקענט צוזיך קומען, איך ווייס נישט ווי ס'איז מיר נישט בייגעפאלן... אזא פשוטע בייפאל... איך זאג דיר, זייט דעמאלט האב איך נישט קיין שום פראבלעמען מיטן קאר.

**ס'איז מיין חבר, א קלוגער יונגערמאן! נא אן קיין לצנות, באמת א קלוגער יונגערמאן, א שאד דו קענסט אים נישט...**

***

ווען מיין אידענע האט באקומען די טעלעפאן רוף פון מיין ניכטע וועגן דעם נייעם פראגראם ווי אזוי מען גייט מאכן אז אכצן יעריגע מיידלעך זאלן מסכים זיין... חתונה צו האבן, האב איך מיך דערמאנט פון יענעם גאר גערעטענעם חבר...

מען גייט מאכן א טשיין קאלל זאגט זי אויפן טעלעפאן - וואס לאכסטו דו האסטאך נאך ניטאמאל געהערט וואס זי זאגט - יעדער זאל רופן צען מענטשן וואס זאלן זיך אונטערנעמען אז... ווייטער האב איך שוין נישט געהערט, פון דא אין ווייטער האב איך שוין נאר געוויינט, איך האב געוויינט אוויפן 'עם נבל וחכם' אויף דעם 'עם הנבחר', איך האב געוויינט אויפן פאלק וואס דער אייבערשטער גרויסט זיך מיט זיי 'כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים'.

איך האב נאר געוויינט ווי די קאר ליגט אים סטאק, באלד ווערט ער חס ושלום פארפרוירן אינעם וויסטן מדבר, אויפן אינטערסטעיט נומער זיבן און אכציג, אינאיינעם מיט'ס גאנצע געזונדל, אבער... **מיר האבן באוויזן אויסצוקראסן דעם מעכאניקער.**

***

ווען מיין ווייב האט באקומען א טעלעפאן רוף פון מיין שוועגערין, זי האט עס געזאגט אזוי פליסיג... מיט אזא פשטות... די שפאגל נייע עצה ווי אזוי מען גייט ראטעווען דעם דור פון די מגיפה פון טעכנעלאגיע, מיט אזא פשטות האט זי עס געזאגט, האב איך געפילט ווי יעצט געשעט עס נאכאמאל, מען טוט פאכמאניש אראפנעמען דעם פארענט פונעם קאר און ארויסדרייען דעם ענדזשין לייט באלב, ווי נישט פייניגן דאך די מחשבות דא דארט, אפשר דאך? אפשר דאך? אפשר דאך ברסלב, אפשר דאך עצתו אמונה, אפשר דאך 212-1919-444 שוין? עס איז דא א לעזונג, די ענדזשין לייט צינדט זיך שוין נישט אן, עס פייניגט מער נישט די געדאנק, מען האט אויסגעדרייט די באלב... דו זעסט עפעס פראבלעמען? ש'טא קיין פראבלעמען מער...

***

ווען איך האב באקומען אין די פאסט די אויג'ס פארכאפענדע שפאגל נייע איידיע פון חכמי חעלעם - (וואס דארפסטו אלעמאל אוועקמאכן א צווייטען? וואס דארפסטו דיך בויען אויף יענעם?) - די לעזונג ווי אזוי מען קען פארמיידן די הימל שרייענדע הארץ אטאקע'ס, פון די מיליאנען דאלארן חובות וואס דרוקן אויפן הארצן נאכן חתונה מאכן יעדעס יאר א קינד, האב איך נישט געקענט ליינען ווייטער, איך האב נאר געוויינט, מיינע טרערן האבן געפלאסן אן אויפהער אויפן מאגאזין, ציששמירענדיג די רייכע קאלירן פונעם גראפיק פונעם אויסגאבע, איך האב נאר געקענט מיטוויינען מיט די נייע עצה, ווי אזוי מען וועט זיך ארויסדרייען פון גיין צום מעכאניקער און פארעכטן דעם פראבלעם.

***

ווען איך האב בטעות... אויפגעהויבן די טעלעפאן און זיך אונטערגעהערט ווי אינעם אנדערן זייט טרייבל דרש'נט, א פרוי - לאך נישט - זי האט עס ביי-פאר ווייל זי זאגט עס מיט א אנדערע העברה... עס קען דאך נישט זיין אז זי האט נישט קיין לעזונג צו א-א-א-א-לע פראבלעמען, דו מוזט דאך הערן ווי אזוי זי זאגט דעם Lמד מיטן R יש, עס איז דאך נישט מעגליך אז זי האט נישט ארויס ווי מיר יאנשטי' יו טי' עי' גרעדזשועיטס זענען פארפארן, זי האט געלערנט אין הייס-קאל רמב"ן על התורה ווי קען דאס זיין אז זי זאל נישט קענען געבן עצות אויף א-א-א-א-לע אונזערע פראבלעמען.

****

אזוי נעבעך זיצן מיר נעבעך סטאק, ווייט פון יעדע הילף, אין די פרעסט אין די שניי, מיר קענען זיך נישט קיין עצה געבן אויף קיין שום פרט אין לעבן, אבער חס ושלום נעמען א ברסלב'ע צעטל אין דאס איבערגעבן לכתחילה אין די האנט פאר דיין קינד, און... נישט ווען די קאר פארט און דו רעדסט דיך איין אז עס איז נישט דא קיין פראבלעמען, עס איז שוין זיצענדיג סטאק אן קיין שום עצה, מיט די גאנצע משפחה אין א סכנה, יא! אבער פארגעס נישט, ברסלב האט מיך נישט באוויזן צו פארכאפן, דאס איז דער עיקר.

**ס'איז מיין חבר, א קלוגער יונגערמאן! נא אן קיין לצנות, באמת א קלוגער יונגערמאן, א שאד דו קענסט אים נישט...**

***

און איר טייערע ליינער, איר האט יא גענומען דאס בלעטל אין די האנט, אפשר געבט איר א קליינע מאך מיט די ליפן, יא יעצט זאג עס מיט, דאס וועט העלפן אונזערע 'קלוגע' ברודער און שוועסטער, דאס וועט ראטעווען אונזערע דורות, פון וועם שעמסטו זיך קיינער קוקט נישט: "**רבונו של עולם קוק, קוק וואס דער גלות האט געמאכט פון אונז, קוק ווי דער סמ"ך מ"ם לאזט נישט צוקומען די לעבנ'ס וויכטיגע מאטריאל פאר דיינע קינדער, מיט יעדע מין וועג אין די וועלט וועט מען אלעס טון אבי צו פארדעקן די אמת'ע צדיקים מיט זייערע עצות פון דיינע קינדער, טאטע זיסער האב שוין רחמנות אויף דיינע קינדער וואס וואלגערן זיך אין דעם פינסטערן גלות אזויפיל יארן, לאז אונז שוין טועם זיין די זיסע לעבענסוויכטיגע עצות וואס דער רבי געבט אונז**".

**זאג נאר דיין ענדזשין לייט ארבעט נאך?**

# שטעטל נייעס

## געהויבענע יום טוב חנוכה אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א און אנשי שלומינו



דער הערליכער יום טוב חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, איז געווען א פארגעניגן פון די ערשטע מינוט ביז די לעצטע מינוט, די שטעטל האט געלעבט אין עפעס א יום טוב'דיגע שטומינג, עפעס וואס מען קען נישט מסביר זיין מיט ווערטער, אויב מען האט דאס נישט אליין מיטגעלעבט. מיר וועלן פרובירן בלויז אראפצולייגן די כראנאלאגישע סדר וויאזוי עס איז צוגעגאנגען פון אנהייב ביזן סוף.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען אין שטעטל מאנטאג מקץ שפעט ביינאכט, די איינוואוינער האבן זיך אויפגעוועקט אינדערפרי צו א סופריז, "דער ראש ישיבה געפונט זיך מיט אונז אין שטעטל", און אפילו מען זעט אים נישט יעדע מינוט, שפירט זיך אבער אין שטעטל אַן אנדערע לופט אַן אנדערע אטמעספער, א רואיגקייט לאזט זיך אראפ, מען שפירט עפעס אזא קלארע אמונה לופט וואס קומט מיט ווען דער ראש ישיבה קומט אין שטעטל.

במשך די טעג ביז שבת האט דער ראש ישיבה עטליכע מאל באזוכט אין חדר, און געדאווענט צוזאמען מיט די קינדער א ווארימע געשמאק דאווענען, פאר הלל האט דער ראש ישיבה גערעדט אפאר ווערטער און אנגעווארימט די קינדער צו דאווענען א געשמאקע הלל פאר'ן אייבערשטן, אויך האט דער ראש ישיבה מחזק געווען די איינגעשטעלטע אין די מוסד און אזוי ווייטער.

דינסטאג ביינאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטוב פון האברך מו"ה יעקב לעזער שליט"א וואס האט געמאכט א מסיבה פאר די חשובע קינדער וואס לערנען מיט אים דעם דף גמרא יעדן טאג, דער ראש ישיבה שליט"א האט זיי שטארק מחזק געווען אנצוהאלטן ווייטער צו לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג, וואס דאס באשיצט און היט אפ דעם מענטש פון אלעם בייזן.

מיטוואך האט דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט ביים נייעם "פיש געשעפט" און געקלאפט מזוזות, דער ראש ישיבה איז געווען זייער פרייליך צו זען אז די שטעטל ווערט ברוך השם מער און מער אהערגעשטעלט מיט אלע געברויכן וואס פעלט זיך אויס פאר א אידישע שטאט, דער ראש ישיבה שליט"א האט דארט איינגעקויפט פיינע פרישע פיש לכבוד שבת קודש.

אויך האט דער ראש ישיבה באזוכט ביים נייעם קליידער געשעפט און געקלאפט מזוזות, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו זען אז ענדליך האלט מען שוין דא, וואס די קליידער געשעפט אין שטעטל האט זיך אזוי שיין פארברייטערט אויף אזא שיינעם פארנעם אין אזא קורצע צייט.

דאנערשטאג זענען די בחורים ארויסגעקומען אין שטעטל צו זיך אויפהאלטן אויף שבת חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. דער ראש ישיבה האט נאכאמאל באזוכט אין חדר, אויך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער אין בית הדפוס זיך אומקוקן אויף די הייליגע ארבעט וואס קומט דארט פאר, ווי מען דרוקט יעדן טאג נאך און נאך ספרים און קונטרסים פאר אידישע קינדער, אז זיי זאלן אויך וויסן די סוד וויאזוי מען קען האבן א שיינע פרייליכע לעבן מיט'ן אייבערשטן אויף דער וועלט.

דערנאך איז דער ראש ישיבה ארויף אין סטודיא און רעקארדירט א שיינעם ניגון וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסקומען אין די קומענדיגע צייט.

ביינאכט האט דער ראש ישיבה געגעבן דער וועכנטליכער ליל ששי שיעור פאר אינגעלייט אין בית המדרש אויף האשקי, די דרשה האט זיך פארצויגן פאר א שעה און א האלב, מען האט ארום גערעדט גאר שטארק אז חנוכה איז א צייט וואס מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן אויף די חסדים וואס ער טוט, כאטש וואס ס'קומט אונז נישט גארנישט, דאך גיבט אונז דער אייבערשטער אזויפיל גוטס יעדע רגע און יעדע



מינוט.

נאכ'ן שיעור איז דער ראש ישיבה אריבער ביים נייעם "העניק'ס טעיסט געשעפט", קלאפן מזוזות, דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אראפגעזעצט און טועם געווען פון די פיינע מאכלים וואס טראגט דעם הכשר פון דומ"ץ דקהילתנו הקדושה, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די שיינקייט פון האבן אזא פלאץ ווי א מענטש קען אריינקומען זיך דערכאפן דאס הארץ און עסן א פיינעם טעלער טשאלענט מיט קוגל און נאך, דאס איז א געוואלדיגע הכנסת אורחים, אפילו מען מאכט געלט איז עס נאך אלס הכנסת אורחים, דער גראסערי מאן רעכנט אויך געלט, דאס איז פשוט ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די געשעפט, אבער באמת איז עס א חסד וואס דער גראסערי מאן טוט.

און אזוי איז מען אריין אינעם לעכטיגן שבת חנוכה - שבת ראש חודש טבת, די וועטער אינדרויסן איז טאקע געווען גאר קאלט און גליטשיג, אבער אינעווייניג איז געווען גאר גאר ווארים. דער ראש ישיבה האט געדאווענט אלע תפילות אין האשקי שול, קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אנגעווארעמט יעדנ'ס הארץ, די סעודה האט דער ראש ישיבה געגעסן מיט די בחורים אין בית המדרש, אביסל נאך די סעודה איז מען זיך צאמגעקומען זינגען צוזאמען זמירות שבת, דערנאך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון דעם אז מען דארף האבן א צדיק זאל דיר זאגן וויאזוי זיך צו פירן, "לכו אל יוסף" גיי צו א צדיק זאל דיר ווייזן דעם ריכטיגן וועג וואס דו האסט צוטוהן אויף דער וועלט, יוסף האט געזאגט אלע דארפן זיך מל'ען, דאס הייסט אז מען דארף זיין הייליג בקדושת היסוד, נאר אזוי קען מען האבן א גוט לעבן, יוסף האט אריינגעברענגט א אמונה אין די מענטשן, מען דארף נישט מורא האבן פון קיין שום זאך אין דער וועלט, נאר פונעם אייבערשטן. אלע אנדערע וואס האבן זיך אוועקגעלייגט עסן אין מצרים איז פון דעם גארנישט געבליבן, אלעס איז געווארן פארפוילט, ווייל אן א צדיק איז א פארפוילטע לעבן, ביי קאראנע צייטן איז געווען מענטשן וואס האבן זיך אוועקגעלייגט אסאך טישוס און וואסער, זיי האבן געלעבט אין פחד אין שרעק, אבער וואס העלפט טישוס און וואסער ווען די מענטש אליין לעבט נעבעך אין פחד יעדע מינוט? פאר דעם דארף מען האבן א צדיק וואס געט אריין א לויטערע אמונה פשוטה.

אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט אין ספר "פעולת הצדיק" די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט פון א רב בישראל וואס האט אכט און צוואנציג יאר זיך געוואלגערט אין עולם התוהו רחמנא לצלן, האט דער רבי אויסגעפירט ווער עס וועט קומען צו מיר ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות וועט ווערן ניצול פון דעם, מוהרא"ש איז מסביר, פארוואס פונקט די דריי צייטן? ווייל ראש השנה געט דער הייליגער רבי' אריין א קלארע אמונה אינעם מענטש און מען הייבט אן צו רעדן צום אייבערשטן, שבת חנוכה באקומט מען די מתנה פון דאנקן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים, און שבועות די מתנה פון לערנען תורה אויפ'ן געשמאקן וועג וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז אז מען דארף נישט פארשטיין ביים לערנען, נאר מען זאגט די ווערטער, וואס דורך דעם איז מען זוכה צו אדורכגיין כל התורה כולה.

צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד, און געדאווענט א ווארימע הלל וואס האט יעדן אנגעווארעמט דאס הארץ אין די פראסטיגע ווינטערדיגע וועטער וואס האט געהערשט אין גאס.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה נאכמאל גערעדט פון דאנקען דעם אייבערשטן, "וואס איז דער גאנצער מענטש? אין איין מינוט קען די מענטש אויפהערן אטעמען חס ושלום, א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו דאנקן דעם אייבערשטן, נאכדעם קען מען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען דארף".

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אנשי שלומינו זיך צו מאכן א שיעור אין ספר "ליקוטי מוהר"ן", וואס דאס וועקט אויף א מענטש פון שלאף און מאכט דעם מענטש רעדן צום אייבערשטן, ובפרט אז מען מאכט זיך א שיעור אין ספר "אשר בנחל" די בריוון פון מוהרא"ש, מאכט עס גלייך דער מענטש גיין אין בית המדרש דאווענען, אנטון תפילין און אזוי ווייטער.

ביי סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה נאכמאל גערעדט פון דאנקען דעם אייבערשטן, "וואס איז דער גאנצער מענטש? אין איין מינוט קען די מענטש אויפהערן אטעמען חס ושלום, א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו דאנקן דעם אייבערשטן, נאכדעם קען מען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען דארף".

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה מעורר געווען אנשי שלומינו זיך צו מאכן א שיעור אין ספר "ליקוטי מוהר"ן", וואס דאס וועקט אויף א מענטש פון שלאף און מאכט דעם מענטש רעדן צום אייבערשטן, ובפרט אז מען מאכט זיך א שיעור אין ספר "אשר בנחל" די בריוון פון מוהרא"ש, מאכט עס גלייך דער מענטש גיין אין בית המדרש דאווענען, אנטון תפילין און אזוי ווייטער.

## הערליכע חנוכת הבית וסעודת הודאה מוצש"ק חנוכה ר"ח טבת אין בנין התלמוד תורה



נאך א הערליכע שבת וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געוויילט אין שטעטל צוזאמען מיט פילע געסט אנשי שלומינו וואס האבן זיך געוואלט געפונען ביים קיבוץ פון חסידי ברסלב צוזאמען מיטן ראש ישיבה, איז מוצאי שבת קודש אפגעהאלטן געווארן א הערליכע מלוה מלכה אין שטעטל.

טראץ די גאר שטארקע קעלט פון קרוב צו זירא דעגריס וואס האט געהערשט אין גאס, זענען מוצאי שבת קודש געקומען צו פארן פון אנדערע שטעט פילע צענדליגע געסט, וואס האבן נישט געקענט זיין שבת אין שטעטל, און האבן זיך געפרייט צו קומען מיטהאלטן דעם שיינעם סעודת מלוה מלכה מוצש"ק, זיך צו קענען אנווארימען דאס הארץ מיט די ווארימע דיבורים פון הייליגן רבי'ן.

מען האט זיך געוואשן צו א הערליכע סעודה, ווי עס איז געווען צוגעשטעלט פון אלעם גוטן, ווארעמס, און געשמאקע מאכלים לכבוד סעודת מלוה מלכה און לכבוד חנוכה. מען האט געזונגען אינאיינעם די זמירות פון מלוה מלכה.

צו ערשט האט אויפגעטרעטן דער יושב ראש הר"ר אברהם הערש וועבערמאן שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט די פיר גרויסע זאכן וואס דער מסיבה טוט פארשטעלן, א סעודת ראש חודש, א סעודת מלוה מלכה, א סעודת חנוכה, און בעיקר א מסיבת חנוכת הבית פאר די צווייטע בנין התלמוד תורה דא אין שטעטל. דערנאך האט ער ארויסגעברענגט די השתלשלות פונעם שטעטל, ווי די תלמידים פון ראש ישיבה האבן זיך דערזען וואוינען אין פלעצער ווי מען האט נישט געהאט קיין מוסדות אויף די וועג פון הייליגן רבי'ן, און עס האט אויסגעזען ווי די זאך פון הייליגן רבי'ן בלייבט חס ושלום ווייטער א סוד, פון וואס די קינדער וועלן נישט וויסן, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס איז בייגעפאלן פאר מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו אז מען קען מאכן א שטעטל פאר אנשי שלומינו, וואס מיטן צושטומונג פון ראש ישיבה שליט"א איז עס געווארן ווי עס איז היינט בליעה"ר.

אויך האט ער פארציילט אז איינמאל איז מוהרא"ש זי"ע געווען ביי א מסיבה אין שטאט קרית יואל, אויפ'ן וועג אהיים האט ער זיך אנגערופן פאר אנשי שלומינו וואס זענען דעמאלט געווען אין די קאר "הלוואי עפענט מען א שטעטל אין אפסטעיט פאר אנשי שלומינו צו קענען דארט וואוינען צוזאמען", און אז מוהרא"ש האט דאס זיך אנגערופן איז עס פארשטייט זיך געווען באגלייט מיט תפילות וואס ער האט געבעטן אויף דעם אז דאס זאל צושטאנד קומען, און געלויבט דעם אייבערשטן אז היינט האלט מען דא, און מען זעהט אז מוהרא"ש'ס תפילות זענען נישט געגאנגען לאיבוד.

דערנאך האט מען געהערט א שיינע באריכט פונעם באליבטן אדמיניסטראטאר פון די מוסדות מו"ה רפאל פורסט הי"ו, וואס האט איבערגעגעבן אביסל וואס טוט זיך אין די אפיסעס, ווי ער האלט מיט ווי די איינגעשטעלטע שטרענגען זיך אן צו מחנך זיין די קינדער צו אמונה און קדושה, אלעס אָן פעטש, אָן קלאפן די קינדער, נאר אלעס מוז גיין מיט אויפבויען די קינדער, ער האט איבערגעגעבן פארשידענע ציפערן פון די בודזשעט פון די מוסדות, וויפיל קינדער, מלמדים, טישטערס זענען דא.

דערנאך האט ער געבעטן אז צוליב די גרויסע שוועריקייט נאכצוקומען דעם בודזשעט, עפענט מען מען יעצט צוויי נייע פראגראמען, איינס "פולע שכר לימוד", ווי אלע וואס האבן די מעגליכקייט, וועלן באצאלן די פולע קאסט פון זייערע קינדער. און די צווייטע "כאילו ילדו" ווי מען וועט ספאנסערן א קינד וואס מאיזה סיבה שהוא ווערט זייער שכר לימוד נישט געדעקט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה ארויפגערופן צענדליגע אינגלעך, בחורים, און אינגעלייט צו מאכן זייערע סיומים ברבים, אינגע קינדער האבן געמאכט סיומים אויף מסכת הש"ס און משניות, און דערנאך בחורים וואס האבן מסיים געווען פארשידענע זאכן, מסכת הש"ס, גאנץ משניות, זוהר הקדוש, ליקוטי מוהר"ן, און נאך. און דערנאך אינגעלייט. דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן דעם איבערגעגעבענעם מלמד הר"ר יחזקאל סאמעט שליט"א וואס האט מסיים געווען משניות דער 204'סטע מאל.

דערנאך האט מען ארויפגערופן מו"ה אברהם אלי' פריעדריך הי"ו וואס האט מיט גרויס התרגשות געמאכט זיין ערשטער סיום הש"ס, נאכן סיום האט ער גערעדט אפאר ווערטער און פארציילט אז ווען ער האט געזען מו"ה שבתי מזרחי הי"ו מאכן זיין סיום הש"ס האט דאס אים אינספירירט

און אים געגעבן דעם שטופּ אז "ש"ס איז אויך געמאכט פאר אים".

דערנאך האט מען געהערט לעכטיגע דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א - וואס האט ארויסגעברענגט אז מען איז זיך דא צוזאם געקומען צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צום רבי'ן - ער האט געזאגט ווי ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נס אז נאכדעם וואס ער האט געעפנט א ישיבה וואס יעדער וואס וויל לערנען, יעדער וואס וויל קומען דאווענען און לייגן תפילין, קען קומען, צוליב דעם איינעם "חטא" האט מען ארויסגעווארפן זיינע קינדער פון חדר. "מיינע קינדער וואלטן היינט מן הסתם נישט געוואלט רעדן מיט מיר ווען נישט דעם...", האט דער ראש ישיבה געזאגט. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פונעם שיינעם שטעטל ווי עס וואקסט אין בליעט, און אויב וואונדערט מען זיך פארוואס נאכדעם וואס מען איז יעצט מחנך דעם צווייטן בנין פונעם תלמוד תורה, פארוואס מען האט שוין יעצט געקויפט נאך א געביידע - האט דער ראש ישיבה געזאגט "דער שטעטל האט יעצט איבער הונדערט תושבים, קומענדיגע יאר וועט שוין בעזרת השם זיין צוויי הונדערט, און עס וועלן נאך זיין דא טויזנטער תושבים אינעם גאנצן אומגעגענט, משפחות וואס וועלן לעבן מיטן הייליגן רבי'נס לימודים".

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די סיומים רעדן פאר זיך אליינס. דא אין דעם שטעטל איז נישטא קיין בעסערע שוואכערע, נישט קיין חילוק ווי מ'גייט אנגעטון, ארבייטער מיט זייערע דזשעקעטס, אדער א כולל אינגערמאן מיט א רעקל, אלע לערנען ברוך השם און האבן יראת שמים. יעדע אינגערמאן אין שטעטל גייט נישט שלאפן פאר ער האט געעפנט א חומש, א משניות און גמרא. און אויף דעם דאנקט מען דעם אייבערשטן.

**יְמֵי חֲנוּכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה - זֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא**
**(ליקוטי מוהר"ן ח"ב סימן ב')**



## אנשי שלומינו באזוכן אידן אין תפיסות



אין שטעטל טוט זיך גאר העפטיג מיט דער נייער ארגאניזאציע אנגעפירט דורך מו"ה משה עקשטיין הי"ו, וואס דערפרייט אידישע ארעסטאנטן אין די ניו יארק סטעיט תפיסות ארום די שטעטל. דער ארגאניזאציע באשטייט פון בערך 20 געטרייע אקטיווע וואלונטירן וואס גייען ארום באזוכן אידישע ארעסטאנטן וואס זיצן נעבעך איינזאם אין די תפיסות אין נעפּאנעק, וואודבארן, שוואנגאג, און גרין העווען.

אין די אלע טורמעס געפונען זיך לעת עתה בערך 11 אידישע ארעסטאנטן וואס קוקן ארויס אויף באזוכער יעדן טאג, וואס פארגרינגערט זיי אביסל און מאכט זיי פארגעסן פון זייער צער. דער יעצטיגער ציל איז אז יעדער ארעסטאנט זאל באקומען כאטש איין באזוכער יעדע צוויי וואכן, וואס דאס איז וואס מ'קען דערווייל דערגרייכן מיט די צאל וואלונטירן וואס מען פארמאגט. אין די פרייליכע חנוכה טעג האט מען געמאכט גאר א געוואלדיגע זאך, אז יעדער ארעסטאנט האט באקומען א באזוך אין די טעג פון די חנוכה, וואס דאס האט זיי גאר שטארק דערפריידט און אריינגעברענגט אין זיי א פרישע חיות אנצוגיין ווייטער אין זייער שווערע לעבן וואס זיי האבן ליידער.

ווי מען הערט צוריק פון די ארעסטאנטן, ברענגען די באזוכן פון אנשי שלומינו תושבי קרית ברסלב א גרויסע הנאה פאר זיי, זיי קוקן שטארק ארויס אויף די באזוכן, זיי שלינגען מיט דורשט די ווערטער פון די באזוכער וואס זענען אנגעפילט מיט אמונה און מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן וואס האט די כח צו שטארק און באלייכטן אידן אין אלע מצבים פון לעבן.

זיך אנצושליסן מיט דעם געוואלדיגן גרויס חסד פראיעקט, ביטע רופט דעם גבאי מו"ה משה עקשטיין הי"ו אויף 845-428-2782. מיטן אייבערשטנ'ס הילף קען מען האבן די זכי' אויפלעבן און אריינברענגען פרישע האפענונג אין די אידישע ארעסטאנטן.

# דער שטרענגע שפיגל



ישראל דוד העסקעל

מיין גוי האט מיר אויסגעשפילט... און דא קלינגט מיר איינער אריין אז מ'האט אריינגעדרילט און א פייפ און ס'איז חורבן, ער טענהט אז איך בין שולדיג... צו אלע צרות איז מיין קאר געגאנגען שלאפן, יעצט רופט מיר יענער שוין די צענטע מאל היינט... וואס זאל איך אים זאגן? איך ווייס אז ער איז בעצם גערעכט אבער מיינע הענט זענען געבינדען... איך קען אים נישט העלפן. יעצט שטיי איך דא, וועלטס שלימזל, און איך קען נישט טרעפן מיינע שליסלעד, איך בין אנגעפאטשט פון קאפ ביז פוס, בקיצור דער אייבערשטער האט מיר פיינט!

באָאָאָם!

אוי האבן מיינע אויערן וויי געטון פון דעם!

דער אייבערשטער האט דיך פיינט? ביזט אינגאנצן משוגע געווארן? דער אייבערשטער איז דאך נאר גוט, דער אייבערשטער האט דיך אזוי ליב! האסט שוין היינט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט דיר? האסט דיך שוין איינמאל אפגעשטעלט היינט בעטן דעם אייבערשטן "טאטע העלף מיר?"

אויש! איך האב פארגעסן דו ביזט א ברסלב'ער... איך האב גארנישט געמיינט... איך האב סתם געזאגט... מ'קען מער נישט רעדן מיט דיר... אקעי איך גיי פון דא, ביי!



איך גיי מיר מיין וועג, אזוי שפאצירנדיג אין מיין אפיס בילדינג גוט פארטראכט, געב איך זיך א שטעל אפ פארנט פון די שפיגל און איך קוק טיף אריין, מיין מחשבה איז געפלויגן צו די הערליכע מוסר'דיגע ארטיקל פון צום פינטל פרשת נח וואו ער האט הערליך שיין אראפגעלייגט זיין חול המועד באזוך אין טור גארטן, ווי אזוי צום סוף איז ער אנגעקומען צו די שטייג פון די שרעקעדיגסטע חיה! וואס? א שפיגל! יא דו מענטש קענסט זיין די שרעקעדיגסטע חיה!

איך שטיי און איך קוק טיפער און טיפער אין די שפיגל, קען עס זיין אז איך קוק יעצט דא אויף די וועלטס גרעסטע שרעקעדיגסטע חיה? איך שמייכל זיך אזוי אונטער, איך וויל לאכן אבער דאס איז עכט! אפשר ביזטו דער שרעקעדיגסטע



חיה! וואס שיידט אפ וועלכע מענטש איז די שרעקעדיגסטע חיה, און ווער איז דער באזוכער וואס באטראכט אים מיט נייגער?

חז"ל זאגן אז יעדן טאג גייט ארויס א בת קול און איז מעורר אידן צו תשובה טון! האט דער ראש ישיבה נאכגעזאגט פון דער בעל שם טוב, אז דער הייליגער בעל שם טוב פרעגט, א בת קול הערן דאך נאר צדיקים, וואס האט מען פון דעם אז ס'גייט ארויס א בת קול וואס דער צדיק וואס זינדיגט נישט הערט? ס'וואלט לכאורה געדארפט זיין פאר מענטשן וואס זינדיגן אז זיי זאלן עס הערן???

ענטפערט דער בעל שם טוב אז דער בת קול איז טאקע פאר מענטשן וואס זינדיגן און דאס קומט צו יעדן אויף אן אופן פון א התעוררות צו טון תשובה!

וואס איז אבער מיט דער מענטש וואס הערט די בת קול און מאכט זיך נישט וויסנדיג, ער פארט ווייטער און שטעלט זיך גארנישט אפ טראכטן, אלעס איז ביי אים 'פונקט', 'ס'האט זיך...' אזא מענטש איז לכאורה די שרעקעדיגסטע חיה!

איך טראכט צו מיר, איך ברענג אהער דא יענעם צו די שפיגל און איך זאג אים קוק! ניין טיפער.... נאך טיפער... וועק דיך אויף פון שלאף! געב דיך א גוטן קוק אן, א גאנצן טאג ביזטו פארנומען ארומלויפן, ארלעדיגן, מסדר זיין, פיקסן, צוברעכן, בענטשן, שעלטן, קיין איין רגע שטעלסטו זיך נישט אפ קוקן אין שפיגל ווי אזוי דו קוקסט אויס... האסט ארויסגערעדט א דיבור צום אייבערשטן? האסט געעפנט א ספר? האסט געלייגט תפילין?

געב דיך א גוטן קוק אן! מ'לעבט אין אזא בהלה... לעצטע וואך פרייטאג צונאכטס בין איך געזעצן מיט אפאר אידן און איך האב נאכגעזאגט א געדאנק וואס איך האב געהאט אויף די פרשה. מ'זעהט אין די פרשה אז יוסף הצדיק, קיינער האט נישט געהאלטן פון אים, ער איז געווען אינגאנצן אפגעפרעגט, אין חרם פארווארפן אין מצרים, "יעדער איינער" האט פארשטאנען אז פון אים דארף מען שטיין ווייט, ער איז נישט קיין אונזעריגער... עד כדי כך אז מ'האט אים פארקויפט אויף מצרים... אבער ביי יוסף שטייט די גאנצע צייט והשם עמו דער אייבערשטער איז די גאנצע צייט געווען מיט אים, אין די קליפת מצרים האט ער געדינט דעם אייבערשטן און איז געווען דבוק אינעם אייבערשטן...

זעהט מען פון דעם אז נישט דווקא דארט ווי "יעדער איינער" איז, אדער דארט ווי "יעדער איינער" האלט... איז די ריכטיגע פלאץ, אמאל קען זיין אז דווקא דארט ווי מ'האט נישט געהאלטן... דווקא דארט געפונט זיך דער אייבערשטער!

רופט זיך אן עפעס א מר בר רב אשי א מורא'דיג גוט ווארט: "דו ווייסט ווי אזוי איך ווייס וועלכע פרשה גייט די וואך? איך האב געפרעגט די גוי וואס רייניגט די שול!"

פארשטייט זיך אז מיר האבן געהאט נאכדעם א פיינעם שמועס, איך האב אים מסביר געווען אז אלע פעסטע טשילערס זענען שוין היינט מעביר סדרה יעדן טאג און מ'קען זיין זייער קאאל און טשילד אוט און יעדע וואך ענדיגן די פרשה...

אבער פארוואס? פארוואס כאפט ער נישט א בליק אין די שפיגל אנשטאט קוקן אויף מיר? דו ווילסט מיר געפעלן? דו ווילסט מיר ווייזן ווי פעסט דו ביזט? וואס איז מיט דיך? שטעל דיך ביי א שפיגל נישט צו זען ווי קיוט דו ביזט, נאר קוק טיפער וואס טוט זיך אין דיר? גענוג מיט וואס וועט יענער טראכטן אויף מיר... וואס טראכסטו אויף דיר? אפשר מאך דיר א קליינע חשבון הנפש וואו אלט דו ביזט, וואו ביזטו שוין אנגעקומען מיט דיינע שאיפות...

ביי שלש סעודת טוט זיך א שווערע שמועס! דער עולם איז זייער צוקאכט, איין מחותן הייבט אן דעם שמועס אז סענטערפיסעס ביי א שבת שבע ברכות איז א נייע מחלה שלא כתובה בתורה!

און אלע שטימען צו! ווער האט געגלייבט,





אלע זענען איינשטימיג אז אלעס ביז די סענטערפיסעס איז געהעריג "נארמאל"!

אוי! געבט אן עלטערער איד א קרעכץ, "ס'קאסט דאך אזוי פיל חתונה צו מאכן... און ס'דא אזוי פיל גיטין ר"ל אזוי פיל אינגע פארפעלקער טיילן זיך ליידער..." איז דער קלוגער פארשטענדליכער אידל אין דעם קופקעלע אויפגעקומען מיט א מורא'דיגע בליץ וואס וועט שיסן צוויי פייגל מיט איין שאס איין גאר גאר קלוגע עצה וואס וועט לייזן אלע פראבלעמען! הערט: "מ'גייט שפענדן אויף די חתונה נאכט בלויז צוויי אלפים, דער חתן באקומט א צייטווייליגע קוטשמע... און די חתונה נאכט ווערט געפראוועט אין די קלענסטע זאל, זיי מופן אריין אין א פיצעלע סטודיא אפארטמענט, אלעס גייט זיין אזוי ביליג ווי ס'קען זיין און נאכדעם אויב גייט אריבער צוויי יאר און זיי טיילן זיך נישט, דעמאלט גייט מען מאכן די "גרויסע" חתונה! דעמאלט גייט מען אים קויפן א "געהעריגע" שטריימל פאר זעקס אלפים, אזוי אויב גט'ן זיי זיך גייט עס קיינעם נישט אן..."



מ'האט "כמעט" נישט געשפענדעט קיין געלט... דאס איז די איינציגסטע עצה!!!!! אלע שטימען מיט! יא דאס איז די עצה!

איך וויל שנעל לויפן ברענגען דעם שפיגל וואס זאגט נאר אמת... און עס שטעלן פארנט פון דעם איד וואס דרש'נט פערל ווערטער און גאר קלוגע עצות און אים זאגן, קוק! געב דיך א גוטע טיפע קוק אן! וואס איז מיט דיר ווען איז חתונה מאכן פאר פופציג אלפים געווארן "נארמאל"? ווען איז אזוי פיל גיטין געווארן סטאנדארד אז אזוי קומט עס שוין און מ' קען שוין מילא גארנישט טוהן?

דאס איז די איינציגסטער וועג? יא, איך ווייס ער האט געמאכט א דשאוק... איך ווייס אז אמת'דיג ווייסט ער אויך אז דאס גייט נישט פאסירן... אבער וואס יא, וואס איז יא זיין ערווארטונגען און מציאות? אז ער געבט זיך אונטער? ער פארשטייט אז ס'שוין אזוי געווארן און וואס קען מען טוען און אזוי איז עס...

ווער פירט דיר? ווער איז דיין מחליט אז דו קענסט ארויסרייסן פון דיין מויל אז דער אייבערשטער האט דיר פיינט! אפילו נאר פאר א דשאוק... אבער וואס טראכסטו ווען דו קוקסט אין שפיגל? וואס טראכסטו ווען נאר דו הערסט? וואס האסטו פון דאס אלעס אויב איז דיין קעפל פארלאשן? וואס האסטו פון דעם אויב טראכסטו נישט?

אפשר זאלסטו געבוירן ווערן אן א מח און ווען מען וועט זען נאך א פאר יאר אז מ'קען דיר טראסטן מיט א מח וועט מען עס דיר דעמאלט געבן... דאס איז דיר שוין נישט איינגעפאלן קלוגער איד... הע?

אז א מענטש האט סייעתא דשמיא און ער קומט אן אין א פלאץ וואס גיבט שכל וואס לערנט דעם מענטש טראכטן, דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו נוצן די שכל און פאלגן די עצות, אז נישט ח"ו קוקט מען אויס ווי א בלויזע הינטל, ווי א שרעקעדיגע חיה... מ'דארף בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין זיך צו זען און זיך פארבעסערן און נישט ווערן פארבלענדט...

יואליש קרויס פון ירושלים האט אנגעמערקט א מורא'דיגע זאך: פרשת וישב איז געווען א בילד פון אפאר יאר צוריק אין די קרית ברסלב בלעטל אין די קאלום "ווער זענען זיי" פון די ישיבה אין די טעג פון חנוכה. זייער א שיינע בילד מיט דער ראש ישיבה אינמיטן. האט ער אנגעמערקט אז אין די בילד איז דא 36 בחורים וואס 27 וואס ער ווייסט האבן שוין חתונה געהאט און איינער איז א חתן!

זעט מען פון דעם אז אויב נעמט מען די שכל און עצות און מ'פאלגט וואס א צדיק זאגט קומט מען צום סוף אן!

אוי ואבוי פאר דעם אויבער חכם וואס איז אלס קלוגער וואס פארשטייט אלס בעסער וואס מאכט נאר א דשאוק ער האט גארנישט געמיינט אוי איז דער א שרעקעדיגע חיה.

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך.




חנוכת הבית פון די ישיבה בנין 27 סקילמאן
מוצאי שבת ויגש תשע"א

1. מוהרא"ש זי"ע
2. נחמן מעהל
3. אדמו"ר מביאלע שליט"א
4. אדמו"ר מקאזניץ שליט"א
5. הרב רבי אנטשיל שטהר שליט"א
6. יעקב היילפרין
7. עזרא בוים
8. אליעזר איידלשטיין

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**

# "מעשיות פון תפילה"



## יודל דעפריס - קרית ברסלב:

דער ראש ישיבה האט גערעדט ביי א שיעור אפאר וואכן צוריק אז ווען מ'בעט דעם אייבערשטן דארף מען נישט נאר בעטן אויף זאכן וואס ס'זעט אויס פאר דעם מענטש אז ס'קען געשען, נאר מ'קען אויך בעטן אויף זאכן וואס זעען אויס זייער ווייט פון קענען געשען, ווייל פארן אייבערשטן איז אלעס די זעלבע זאך, נישט קיין חילוק צו ס'מאכט סענס אדער נישט.

איינע פון די זאכן וואס כ'האב צוגעלייגט צו די ליסט איז אז איך זאל האבן בלעק טאפ (פעך) אויף מיין דרייוו וועי, ס'האט נישט געשטימט אין מיין קאפ אז איך וועל מיר עס קענען ערלויבן, לויט מיין אינפארמאציע קאסט עס אפ צווישן צען און פופצן טויזנט דאלער, אבער איך האב נאכאלץ געבעטן דעם אייבערשטן דערויף.

שכח אייבערשטער אז די וואך האב איך גערופן א בלעק טאפ קאמפאני סתם פרעגן פרייז, זאגן זיי אז דאס איז די לעצטע וואך פון די סעזאן, און זיי האבן נאך איין איבעריגע לאוד פון בלעק טאפ, דערפאר קענען זיי עס געבן פאר גאר א גוטע פרייז דערפאר.

## אלחנן זויבערמאן ירושלים - וויליאמסבורג:

א) איך האב געוואלט קויפן חנוכה ליכט אבער איך האב נישט געהאט קיין געלט, איך בין אריין אין א בית המדרש און געגאנגען צו די חנוכה פראדוקטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן געלט צו קויפן חנוכה ליכט.

איך האב אנגעהויבן נישטערן ביי די ביליגע ליכט און א איד קומט צו צו מיר און זאגט מיר: "פארוואס קויפסטו די ביליגע ליכט, קויף די געהעריגע ליכט, שמן זית מיט קנויטן!", זאג איך אים אז איך קום פון ארץ ישראל און איך האב נישט גענוג געלט צו קויפן די טייערע ליכט, זאגט ער מיר: "א חתן פון ארץ ישראל? נעם וועלכע ליכט דו דארפסט, איך וועל עס באצאלן!".

ב) איך האב זייער שטארק געוואלט גיין אין מקוה, איבעריג אויסצושמועסן וואס מקוה טוט אלץ פאר א מענטש - ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אז די ערשטע איז מקוה. איך קום אן און איך זעה אז ס'איז צוגעשפארט, איך האב נישט געהאט קיין דאלער אין טאש, איך האב פרובירט צו לייגן מיין פינגער ביי די מאשין, אבער פארשטייט זיך אליין - ס'ארבעט נישט, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, איך וויל זייער שטארק גיין אין מקוה, טרעף מיך א וועג אריין", אזוי ווי איך ענדיג מיין תפילה הער איך א קלינג, און די גרינע לעמפל וואס ווייזט אז די טיר איז אפן צינדט זיך אן, איך האב ממש געשפירט ווי דער אייבערשטער אליין איז געקומען און געלייגט זיין פינגער ביי די מאשין, ממש אצבע אלוקים היא....

## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

יעדעס מאל איך פאר ארויס פון שטוב בעט איך דעם אייבערשטן אז איך זאל צוריק קומען אהיים בשלום.

פארגאנגענע פרייטאג בין איך אריינגעפארן אין שטאט מיט די גאנצע משפחה, אויפן וועג האב איך געכאפט א גליטש אויף די אייז, און וויבאלד איך בין געפארן שנעל האט די קאר אנגעהויבן זיך דרייען (ספינען - ווי מ'רופט עס...), און ברוך השם, מיט נסי נסים איז קיינער נישט געווארן געשעדיגט, די קאר וואלט רואיג געקענט אריינזעצן אין א בוים, צו אין אן אנדערע קאר, אבער דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז, און אונז אפגעהיטן ס'זאל קיין שלעכטס נישט פאסירן.

נאכן קומען צו זיך האבן מיר געוואלט ווייטער פארן, אבער די קאר צינד זיך נישט אן, אונז האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז די קאר זאל זיך אנצינדן, שכח אייבערשטער די קאר האט זיך אנגעצינדן, און מיר האבן געקענט ווייטער פארן.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בַּיי אוּנְז הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק פוּן נְטָל;** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן יֶעדֶע נַאכְט גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב, מִמֵּילָא אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁאֵלָה פוּן לֶערְנֶען נְטָל נַאכְט וַוייל פוּן מַעֲרִיב בִּיז חֲצוֹת אִיז מֶען סֵיי וִוי גֶעשְׁלָאפְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע מְקוֹר פוּן נְטָל קוּמְט פוּן תְּשׁוּבַת רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ (עַיֵּין בְּסֵפֶר מַטְעַמִּים, מַעֲרֶכֶת אוֹת הנ', עֶרֶךְ נְטָל, אוֹת א); אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְן זִיךְ דִי גוֹיִם צוּזַאמְקוּמֶען אִינֶעם יוֹם הוּלֶדֶת פוּנֶעם אוֹתוֹ הָאִישׁ יִמַּח שְׁמוֹ, זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אָנְשִׁיכּוֹר'ן יֶענֶע נַאכְט אוּן זַיין זַייעֶר צֶעווִילְדֶעוועט וְכוּ'; אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים, זַייעֶנְדִיג אָנְגֶעטְרִינְקֶען אוּן צֶעלָאזְט פְלֶעגְן זֵיי שְׁלָאגְן יֶעדְן אִיד וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעמָאלְט אוֹיפְ'ן גַאס, דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אַז אִין דֶעם נַאכְט טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה וְכוּ' אַז דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי סִטְרָא אַחְרָא וְכוּ'. אָבֶּער דֶער עִיקָר כַּוָונָה פוּן דֶעם אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דִי ווִילְדֶע גוֹיִם וָואס פְלֶעגְן אַהֵיים קוּמֶען אָנְגֶעהִיצְט פוּן דִי גַלָחִים וְכוּ', פוּן דֶעם קוּמְט דֶער מְקוֹר אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט נְטָל נַאכְט, אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַז אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דֶער טַעַם גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אָן הָאבְּן מֶענְטְשְׁן מוֹרָא צוּ לֶערְנֶען נְטָל.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז ווִיבַּאלְד **בַּיים רֶבִּי'ן רֶעדְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה,** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם גַאנְצְן דִמְיוֹן פוּן אוֹתוֹ הָאִישׁ וְכוּ'; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶעמָאלְט וֶוערְט מְקוּיָם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): **"יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן"**; מִמֵּילָא דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, וַוייל אַלֶעס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל.




## הפצה אויף אלע וועגן

איינער האט געפרעגט פון דער ראש ישיבה: וואס איז די שטערקסטע וועג צו מאכן הפצה? האט דער ראש ישיבה געזאגט מען קען נישט אנכאפן א געוויסע זאך אז דאס איז די שטערקסטע הפצה, יעדע זאך איז הפצה. לדוגמא, א אינגערמאן אין שטעטל וואס בויעט הייזער, האט געבויעט א הויז פאר א חשובע דיין, דער דיין פלעגט אפרעדן מענטשן פון גיין צו היכל הקודש, דער אינגערמאן פון שטעטל האט געבויעט פאר אים א הויז, און ער איז ארויס פון התפעלות ווי איידל ער פירט זיך אויף, און וויאזוי ער ארבעט מיט יושר, דאס האט אים געטוישט די בליק אויף היכל הקודש, און ער זאגט שוין פאר אינגעלייט אז ער קען שוין נישט רעדן אויף דעם פלאץ, ער זעט אז היכל הקודש איז יא א גוט פלאץ.

זעט מען אז נישט נאר טיילן קונטרסים איז הפצה, נאר אפילו די שיינע אויפפירונג פון א אינגערמאן איז א געוואלדיגע שטארקע הפצה.

# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִּיק



## אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן אַזַא רֶבִּי!

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' לִיפָּא, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע יְרִיד הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדַת הָאט אִים דִי הוֹיט גֶעבְּרֶענְט אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוַואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען פָארְן מַאכְן גֶעלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען הָאט עֶר אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן ג) "חייכת בהון בעותרא בהאי עלמא, לבתר קטילת בהו, "גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עֶט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ, "דֶער רֶבִּי הָאט אִים מִיט דֶעם גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט, נָאךְ שַׁבָּת אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט. יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, עִמָּנוּ הֱיִיתֶם?

הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט, מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען וֶועגְן דִי גֶעלְט, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: לִיפָּא, פוּן אַזַא רֶבִּי'ן גֵייט מֶען אַוֶועק? זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְ"ג אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס הֶעלְפְט אִים אִין גֶעט אִים עֵצוֹת צוּ הָאבְן אַ לֶעבְן, אִיז אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט אוֹיף אִים, אָדֶער דֶער רֶבִּי שְׁמֵייכְלְט נִישְׁט צוּ אִים, דַארְף מֶען הָאבְן שֵׂכֶל אוּן זָאגְן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְ"ג אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶען זָאל אוֹיסְלֵייגְן אוֹיפְן גַאנְצְן וֶועג פוּן זַיין שְׁטוּב בִּיזְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן שְׁטֶעכֶעדִיגֶע נֶעגְלִיךְ, וֶועט עֶר קְרִיכְן אוֹיף דֶעם אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, וַוייל מֶען מוּז קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

(עצתו אמונה תשע"ז)



# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - י"ד -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוֹיךְ מַאכְן אַסַאךְ מָאל נְדָרִים. אַסַאךְ מָאל אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט זַיין סֵדֶר הַיּוֹם וָואס עֶר וִויל אַלְץ אַרַיינְכַאפְּן אִין יֶענֶעם טָאג, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס טַאקֶע אוֹיסְפִירְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה נָאר עֶר הָאט גֶעמוּזְט טוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען. אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְלֶעגְט עֶר טוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוָה אָדֶער שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ מַאכְן אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, אוּן אַסַאךְ מָאל אֲפִילוּ גֶעשְׁווּאוֹירְן בִּנְקִיטַת חֵפֶץ אוֹיף דֶעם.

***

אֵיינְמָאל הָאט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִים גֶעפְרֶעגְט אַז לוֹיט דִי גְמָרָא אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ צוּ מַאכְן אַ נֶדֶר, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם, "דָאס מֵיינְט מֶען אַזֶעלְכֶע שְׁלִימֶעזַאלְנִיקֶעס וִוי אִיר"... מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט זִיכֶער אַז זֵיי וֶועלְן טַאקֶע קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן דֶעם נֶדֶר, אָבֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אִין זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן אַסַאךְ לוֹיפְן צוּם קֵבֶר פוּן זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זַיין זֵיידֶע עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.




גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט עֶר אַהִינְגֵיין אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי וִוינְטֶער, אִין דִי פְרָאסְטִיגֶע נֶעכְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ אַהִינְגֵיין, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פְלֶעגְט עֶר גֵיין אִין מִקְוֶה. דָארְט אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי מִקְוָאוֹת, אֵיינְס פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן אֵיינְס פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְן צוּ גֵיין דַוְקָא אִין דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר קַאלְט, כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין סֵיי וִוי גֶעוֶוען דוּרְכְגֶעפְרוֹירְן פוּן זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, סֵיי פוּן דִי לַאנְגֶע וֶועג וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין פוּן זַיין הוֹיז וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּן צִיּוּן, אוּן נָאכְדֶעם דִי לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן אִין דִי קֶעלְט, אוּן דֶערְנָאךְ דִי וֶועג צוּרִיק צוּם מִקְוֶה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר דַוְקָא גֶעגַאנְגֶען אִין דִי מִקְוֶה פוּן אִינְדְרוֹיסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר קַאלְט, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט מְסַגֵף זַיין. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דָאס פְלֶעגְט עֶר טוּן נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַלְט בְּלוֹיז זֶעקְס יָאר.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט גָאר אַסַאךְ צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ צוּ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען אִין עֲבוֹדַת ה', פְלֶעגְט עֶר אוֹיף דֶעם וֵויינֶען זֵייעֶר אַסַאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט אִין לֶערְנֶען, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ נָאךְ סְפָרִים וָואס עֶר הָאט אוֹיף זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ דִי קַבָּלָה סְפָרִים, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, אוּן עֶר הָאט וִוידֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן בִּיז וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיךְ דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר מַמָשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פָּשׁוּט פְּשַׁט אִין סַיי וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט וַוייטֶער אוֹיפְ'ן לֶערְנֶען, בִּיז וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִּיק"**



# א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה
## שבת קודש פרשת וישב - תשפ"ג

**החתן זלמן שמואל לייב אייכנשטיין נרו יאיר - תלמיד הישיבה דערציילט:** גאר א שיינע שבת האבן מיר געהאט מיט'ן ראש ישיבה שליט"א שבת פרשת וישב תשפ"ג, איך וועל פרובירן אביסל אראפצושרייבן שיינע זאכן וואס איך האב מיטגעהאלטן וואס ס'קען זיין אינטערעסאנט פאר די עולם צו וויסן.

פרייטאג גלייך נאך ליכט צינדן זענען אלע בחורים געזעצן ארום דעם גרויסן דיינינג רום טיש, עס האט זיך אנגעהויבן א שמועס איבער די הויז ווי דער שבת התוועדות איז פארגעקומען, קעגן דעם פלאץ ווי דער שבת איז פארגעקומען פיר וואכן פארדעם. אינמיטן איז דער שמועס פארפארן אז אינעם הויז פונעם פריערדיגן שבת איז געווען א הויכע דאך אינעם דייניג רום און אין דעם הויז איז געווען א נידריגע דאך, וועלכע איז בעסער?

האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז יעדע זאך קען מען אנקוקן מיט צוויי פאר גלעזער, למשל א הויכע דאך איז מורא'דיג מען קען אלעס הערן הויך. און מיט א נידריגע דאך הערט מען נישט אזוי קלאר וואס מען רעדט פונעם אנדערע זייט צימער. פון די אנדערע זייט איז א נידריגע דאך מער היימיש (האאמי בלע"ז) נאר אלעס ווענדט זיך ווי אזוי מען קוקט דאס אן. למשל קומסט אריין צו א חתונה, און דו זעעסט אז די זאל איז ליידיג, עס איז פארהאן דארט קוים מזומן, קענסטו טראכטן נאכדעם איינס פון צוויי זאכן, אדער "אזא נעבעכדיגע חתונה"! ס'דאך נישט געווען מיט וועם צו טאנצן דארט. פון דער אנדערע זייט קען מען טראכטן "אזא מחי' א ליידיגע חתונה, איך האב געהאט דעם חתן מיט אלע מחותנים פאר מיר, עס איז געווען גענוג פלאץ פאר יעדעם מען האט זיך נישט געדארפט שטופן, אה מחי' שכח אייבערשטער."

קומסט אריין צו א אנדערע חתונה יענע נאכט און דו זעעסט א גרויסער ציבור, קענסטו יעצט טראכטן אזוי: אוי ס'איז געווען א צושטופטע זאל מען האט נישט געקענט אנקומען צו די מחותנים. אדער, א מחי' א פולע חתונה געווען, ברוך השם עס איז דארט געווען דעם גאנצן עולם, שכח אייבערשטער. אלעס ווענדט זיך וויאזוי מען קוקט עס אן.

פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן א פרישע שידוך וואס איז געווען ביי א תלמיד פון ישיבה די פארגאנגענע וואך. און זיך אנגערופן: "איך גליסט צו מאכן שידוכים און אויסלערנען פארן חתן ווי אזוי צו לעבן אינדערהיים מיט א גוטע שלום בית אפילו אויב איך ווייס אז ער וועט נאכדעם אוועקגיין פון דא!"

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: איך וואלט געקענט זיין דער גרעסטער רבי אויפ'ן וועלט, **"אויב איך וועל אויפהערן רעדן פון קדושה, רעדן אביסל ווייניגער פון שלום בית, רעדן אז די דרך הלימוד איז נאר פאר שוואכע, און אזוי ווייטער, וואלט איך געווען היינט דער גרעסטער רבי אויף די וועלט."**

האט איינע פון די בחורים דארט געפרעגט: "דער ראש ישיבה האט נישט די תאווה?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "ניין! **מיין תאווה איז צו לערנען מיינע תלמידים ווי אזוי צו לעבן מיטן אייבערשטן, און זיי חתנה מאכן און זיי אויסלערנען ווי אזוי צו לעבן אינדערהיים".**

מען האט געשמועסט וועגן דעם ליל ששי שיעור וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן אין לעיקוואוד א וואך פריער, אז עס איז געווען א מורא'דיגע שיעור. האט דער ראש ישיבה געזאגט: ס'קען זיין ווען דער ליל ששי שיעור קומט פאר אין ישיבה האלט ער שוין נאך א גאנצע וואך דרשות פאר די בחורים, און ער זוכט עפעס פריש צו רעדן ביי די אינגעלייט שיעור. מה שאין כן ווען די שיעור קומט פאר אין א נייע פלאץ קען מען אנהייבן מיט א פרישקייט איבער זאגן נאכאמאל וועגן התבודדות, דרך הלימוד און שלום בית.

ביים זעלבן שמועס האט דער ראש ישיבה פארציילט אז עס איז אריינגעפאלן א טעות אינעם בלעטל פונעם וואך, אז אינעם ארטיקל 'א מעשה פון א צדיק' שטייט א מעשה ווי אזוי א צדיק איז געווארן איינגעשפארט אין מקוה און געבעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איינער איז געקומען און אים אויפגעשפארט. ביים קעפל שטייט אין גרויס "שלום בית ברענגט ישועות" האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדרוקט. איך האב געזעהן אויפ'ן קעפל א מעשה פון שלום בית, האב איך אנגעהויבן ליינען די מעשה און

געזען אז עס האט גארנישט מיט שלום בית. אבער דאס זאלט עטס וויסן אז **"שלום בית ברענגט ישועות..."**

פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה ביים כאפן א שפאציר אין גאס, האט איינער געפרעגט דעם ראש ישיבה: "עס שטייט אין שבחי הר"ן אז ווען דער רבי איז געווען יונג האט ער אויסגעארבעט אלע שלעכטע מידות, איז ווי אזוי ארבעט מען אויס שלעכטע מידות?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט "וויינען צום אייבערשטען". האט דער בחור ווייטער געפרעגט, "עס איז נישטא נאך עפעס?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "דאס איז די איינציגסטע עצה". פרעגט דער בחור ווייטער: "עס שטייט דארט אז דער רבי האט זיך אויסגעארבעט ווען ער איז געווען יונג, ביז ווען הייסט מען יונג?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז ס'שטייט אין צעטיל קטן אז ביז די אכצן יאר הייסט מען יונג, אבער אז איך בין מקורב געווארן נאכדעם? הייב איך אן פון יעצט."

ביי די באטע האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט ווי וויכטיג עס איז אז די קינדער זאלן לערנען ביים רבי'ן, דער ראש ישיבה האט געזאגט צווישן אנדערע אז ווען א געוויסער אינגערמאן האט ארויסגענומען זיינע קינדער פון די מוסדות האט מוהרא"ש אים געזאגט אז ער וועט נאך איין טאג חרטה האבן אויף דעם. היינט וויינט ער אז זיינע קינדער ווילן נישט האבן מיט ברסלב גארנישט. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן "ס'קען זיין אז איך וועל איין טאג אפלאזן די גאנצע ראש ישיבה'שאפט, אבער **די קינדער אין די מוסדות וועל איך נישט אפלאזן**. איך בין אין יעדע ריר אין די מוסד, די קינדער זענען מיין זאך."

"וואס איז יאנטשי אין בית פיגא, אז מען רעדט צו די קינדער פון די צוויי יאר אלט זיי זאלן זיך עקלען פון הינט? ווען זאל איך רעדן צו זיי? ווען זיי זענען צען? פופצן? א אינגערמאן קומט מיר זאגן אז זיין ווייב (נישט א בית פיגא תלמידה) איז אהיימגעקומען איין טאג מיט א הינטעלע? און ער דארף דאס בעיביסיטן..."

ענדליך האט דער ראש ישיבה געזאגט שבת אינדערפרי ביי זוהר: "אין בית פיגא לערנט מען אויס אז עס איז פריצות פאר מיידלעך צו גיין מיט הויזן בשעת'ן שלאפן. ווען זאל מען דאס הערן ביי די 18? איך הייב אן רעדן וועגן די שיינקייט פון צניעות ווען דאס קינד איז נאך צוויי יאר!"

דער ראש ישיבה האט ווייטער געזאגט שבת אינדערפרי נאך זוהר: **"ס'איז נישט דא נאך אזעלכע געטרייע פרויען פאר די מענער ווי די בית פיגא תלמידות,** עטס זענטס נאכנישט חתונה געהאט וועלן ענק דאס נישט קענען פארשטיין."

דער ראש ישיבה האט ווייטער געזאגט: "אין בית פיגא האט מען נאך קיינמאל נישט געזאגט פאר א מיידל אז זי קען נישט קומען אין סקול צוליב וואס איר קלייד איז נישט צניעות'דיג. נאר? די מיידלעך קומען אהיים און בעטן זייערע מאמע'ס זאלן זיי אנטון מער צניעות'דיג".

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה געזאגט: "פארוואס האט יוסף אזוי שיין אויסגענומען ביי פוטיפר? זאגט רש"י ווייל שם שמים שגור בפיו, ער פלעגט אסאך רעדן פונעם אייבערשטען. פוטיפר איז אויך געווען א גלויביגע גוי, פארוואס איז ער געווען אנטציקט אז יוסף רעדט צום אייבערשטן? נאר פוטיפר איז געווען א גוי, אזוי ווי עס איז דא אין אפסטעיט טויזנטער גוים וואס גייען יעדע זונטאג פרעדיגן. אבער דאס איז אים געווען א חידוש אז ווען יוסף מאכט אים א טיי זאל ער בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל גוט געלונגען.

מוצאי שבת האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן סופרות, צוליב דעם וואס דער סופר מו"ה בערל לעווי הי"ו איז דארט געווען בשעת מעשה, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מען גייט עפענען א לשכה פאר סופרים, עס וועט זיין בנשיאות ר' בערל, און אזוי וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסגעבן אסאך מזוזות וכדומה פאר אנשי שלומינו. ווער וויל דען נישט א ברסלב'ער חסיד זאל זיין זיין סופר? איינער וואס גייט אין מקוה, זאגט תיקון הכללי און איז זיך מתבודד. עס איז געווען ווען איך האב געזאגט פאר הסופר מו"ה שלום פאללמאן ני"ו זאל אנהייבן שרייבן, פלעגט ער דעמאלטס זיצן אין מיידל קעמפ און שרייבן. איינמאל האב איך אים געוואלט מחזק זיין, בין איך געקומען אומגעראכטן אים באזוכן, קוק איך אריין דורכ'ן פענסטער זע איך ווי ער זיצט און זאגט "ליקוטי תפילות", ווער וויל דען נישט אזא סופר?" מען האט אנגעהויבן שמועסן וויפיל א סופר מאכט און וויפיל מען קען פארדינען דערפון, האט איינער פון די בחורים זיך אנגערופן אז ער וויל אפשר ווערן א סופר.

דער ראש ישיבה האט דארט אויפן פלאץ אים אנגעהויבן שטופן דערצו און מחזק זיין אויף דעם, און דערנאך זיך אויסגעדרייט צו ר' בערל און געזאגט בזה הלשון: "נישטא וואס זיך צו זארגן, ער וועט נישט זיין דיין קאנקורענט. עס וועט זיין אזא פארלאנג אז מען וועט נישט קענען אניאגן די ארבעט."

שכח אייבערשטער פאר די זכי' וואס איך האב געהאט צו קענען מיטהאלטן אזא שיינעם שבת צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, איך האף די ליינער וועלן ארויסנעמען שיינע עצות און חיזוק פונעם ארטיקל.

# הילולא קדישא



## מורינו רבי נתן מברסלב זיע"א

י' טבת תר"ה

### די גרויסקייט פון מקוה

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "מקוה איז דער זעלבער לשון פון תקוה, אז מען גייט אין מקוה האט מען א תקוה אז מען וועט אלעס פארעכטן". דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז ער איז צו געקומען צו אלע זיינע מדריגות וויל ער איז געווען זייער נזהר צו גיין אין מקוה יעדן טאג. אזוי אויך איז באוואוסט וואס דער הייליגער רבי אהרן קארלינער זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "מקוה איז טאקע נישט קיין מצוה, אבער צו וואס מקוה קען צוברענגען קען נישט קיין שום אנדערע מצוה צוברענגען".

עצתו אמונה ויצא תשע"ח

### די תיקון חצות ביי רבי נתן

רבי נתן'ס חולק האט געשיקט איינער פון זיינע תלמידים מיט א שליחות צו רבי נתן'ס שכן אז ער זאל אינמיטן דער נאכט הרג'ענען רבי נתן, למעשה האט יענער עס נישט געטון, שפעטער האט ער געפרעגט דעם חסיד: "פארוואס האסטו נישט געטון וואס איך האב דיר געהייסן"? האט ער געענטפערט: "איך קען נישט שלעכטס טון פאר רבי נתן, איך הער יעדע נאכט ווי ער זאגט מיט אזא זיסקייט 'תיקון חצות', און איך הער יעדע שבת ווי ער זינגט זמירות מיט אזא חן, איך בין טאקע א חסיד פון אייך אבער דעם איד קען איך נישט שלעכטס טון".

עצתו אמונה תולדות תשע"ז

### נישטא קיין צייט צו ענטפערן פאר מתנגדים

מען האט אמאל געפרעגט רבי נתן ז"ל ווי אזוי ער האט זיך געקענט דערהאלטן ווען עס האט געברענט די מחלוקת אויף אים, האט ער געזאגט: "דער רבי האט מיר געגעבן אזוי סאך שיעורים וואס איך דארף לערנען יעדן טאג, אז איך האב נישט קיין צייט צו הערן און צו ענטפערן פאר מיינע מתנגדים".

עצתו אמונה תולדות תשע"ז

### לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים

מאך דיר א שיעור אין הייליגן רבינ'ס ספרים וועסטו ווערן אפגעוואשן פון קאפ ביז פיס; געדענק וואס רבי נתן ז"ל האט געזאגט פאר ער איז אוועק: "אפילו דער גרעסטער בעל עבירה, אויב וועט ער זיך האלטן אין הייליגן רבי'ן וועט אים דער רבי מתקן זיין". וואס דארפסטו מער פון אזעלכע ווערטער, מען זעט דאס ממש בחוש, אז ווער עס הייבט אן לערנען דעם רבי'נס ספרים ווערט געטוישט מקצה אל הקצה, זאל זיין ווער עס זאל זיין..

עצתו אמונה תולדות תשע"ז

### טאנצן יעדן טאג

רבי נתן האט געזאגט פאר זיין תלמיד: "אז דו וועסט טאנצן יעדן טאג, וועסטו נישט אנקומען אין גיהנום"; פאלג רבי נתן און כאפ א טענצל, דאנק דעם אייבערשטן אז דו ביסט געזונט וכו' וכו', מיר טאנצן יעדן טאג אין ישיבה נאך שחרית און נאך מעריב, אבער ס'זענען דא בחורים וואס זיצן אין די זייט מרה שחורה'דיג, זאג איך זיי: "קוק, עס איז דא א בחור וואס האט נישט קיין פיס און ער איז פרייליך און ער טאנצט מיט זיין ווילטשער ל"ע, פארוואס זאלסטו זיצן אין די זייט ווען דו האסט געזונטע פיס?!.

עצתו אמונה חיי שרה תשע"ז






## וואו נעמט מען א הארץ ווי איר האט?

די גאנצע לעבן קען מען אויסגראדן אז מען ווייסט ווי אזוי צו רעדן, ווארעם און הארציג; רבי נתן האט אמאל געהערט צו זיינע תלמידים פון זאגן תהלים מיט א חיות און מען זאל זיך אויס גיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, האט זיך איינער אנגערופן פאר רבי נתן און געזאגט: "וואו נעמט מען א הארץ ווי איר האט?" האט רבי נתן געענטפערט: "דו האסט אויך אזא הארץ נאר דו באהארצט עס נישט".

דאס זעלבע האב איך געזאגט פאר א אינגערמאן וואס האט מיר געפרעגט: דער ראש ישיבה זאגט אייביג אז א ווייב איז א גוטע זאך און מען קען עס 'אינדשויען' און א ווייב איז די לעבן, פרעגט ער מיך: ווי נעמט מען אזא ווייב? זאג איך אים: "דו האסט אויך אזא ווייב, נאר די בא'ווייב'סט עס נישט"..

עצתו אמונה נח תשע"ז

## רבי פארוואס וויינט איר אזוי?

רבי נתן איז אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן און געזען ווי דער רבי וויינט זייער שטארק און קען זיך נישט בארואיגן, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס דער רבי וויינט אזוי שטארק? ענטפערט אים דער רבי: "ווי קען מען אויסטראכטן אויף מיר אזעלכע שקרים וכו' וכו', און רבי נתן האט נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי וויינט, וואס גייט דיר אן וואס יענער רעדט אויף דיר? האט ער געזאגט, איז וואס?! אבער שפעטער ווען רבי נתן האט געהאט זיין מחלוקות און מען האט אים נאר געוואלט הרג'נען רח"ל האט ער שוין פארשטאנען פארוואס דער רבי האט געוויינט; עס איז נישט אגעגאנגען פארן רבי'ן אז ער רעדט אויף אים, עס האט ווי געטון פארן רבי'ן אז מענטשן וועלן נישט קענען מקורב ווערן וויל דער זקן זאגט אויף אים אזא לשון הרע.

עצתו אמונה כי תבא לאומאן תשע"ו

## מכבד זיין טאטע מאמע

וזיי מכבד דיין טאטע און ווער נישט באליידיגט אז ער שרייט אויף דיר; עס איז נישט געפערליך ווען א טאטע זאגט פאר א קינד וואס צו טון. דו זיי אים ווייטער מכבד אפילו ער שרייט אויף דיר אז דו ביסט געווארן א ברסלב'ער וכו', און אז דו וועסט אים ווייטער מכבד זיין וועט זיך ביים סוף אלעס איבערדרייען לטובה. וואס דארפסטו מער פון ר' נתנ'ס טאטע, ווי ער האט גע'רודפ'ט רבי נתן עד לחרמה; ער האט אים נישט אריין געלאזט ביי זיך אין שטוב און ער האט נאר געוואלט אז זיין שניר - רבי נתנ'ס ווייב - זאל זיך גט'ן פון אים... און שפעטער האט זיך אלעס איבערגעדרייט, אזוי ווייט אז ער פלעגט אים רופן מיט א ר', רבי נתן, און רבי נתן פלעגט אים זאגן: "טאטע, רוף מיר נישט ר', האט ער אים געזאגט: "פון דיר האב איך דאס מערסטע נחת".

עצתו אמונה בלק תשע"ח

## זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה

דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט אז אפילו מען זאל אויסלייגן אויפן גאנצן וועג פון זיין שטוב ביזן רבינ'ס ציון שטעכעדיגע נעגליך, וועט ער קריכן אויף דעם און זיך נישט צוריק האלטן, וויל מען מוז קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

עצתו אמונה ל"ג בעומר תשע"ז

## דיבורי אמונה והתחזקות

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן נֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזוּק; בִּכְלַל דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט אִיז גֶעוֶוען בְּעִיקָר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים צוּ דַאנְקֶען, אוּן וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען נָאר צוּ אִים מִתְפַּלֵל זַיין.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "וָואס בֶּעטְסְטוּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בֶּעט זוֹכֶה זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'", פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "זָאג מִיר, פַּרְנָסָה הָאסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "נֵיין", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "הֶער מִיךְ צוּ, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס אִיז דַיין אֱמֶת"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ אַלֶע תְּפִילוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים קמה, יח): "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", אָבֶּער נָאךְ מֶער נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּפִילוֹת וָואס אִיז מִיט אַן אֱמֶת - "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת".

עצתו אמונה בא תשפ"א



# היסטאריע ווינקל

היסטאריע קעסטל #1

דורך מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

**נייע קאלום "א דאנק א טעות...!"**

איך האב באמערקט אז אינעם בלעטל פון פרשת ויצא האט מען ארייגעלייגט א בילד פונעם ראש ישיבה שליט"א ווי ער רופט אויס מוהרא"ש זי"ע צו מצוה טאנץ ביי די חתונה פון מו"ה יואלי לעווי הי"ו, אונטערן בילד איז געשטאנען געשריבן: "דאס איז די ערשטע מאל וואס דער ראש ישיבה האט אויפגערופן מוהרא"ש צו מצוה טאנץ", עס איז מיר אריינגעקומען אין געדאנק, איך האב געוואלט מעורר זיין איבער די טעות, ווייל נישט ביי מו"ה יואלי לעווי'ס חתונה איז געווען די ערשטע מאל וואס דער ראש ישיבה האט אויפגערופן מוהרא"ש.

למעשה א וואך דערויף איז די טעות פארראכטן געווארן אין א בריוו דא אינעם בלעטל דורך איינער פון די ליינער, ווי יענער האט אנגעמערקט אויפ'ן טעות און ער שרייבט אז דאס ערשטע מאל וואס דער ראש ישיבה האט אויסגערופן מוהרא"ש צו מצוה טאנץ איז גאר געווען ביי די חתונה פון מו"ה יעקב לעזער שליט"א, אבער די 'תיקון' איז אויך א 'טעות', ווייל דער ראש ישיבה שליט"א האט בכלל נישט אויסגערופן מוהרא"ש צום מצוה טאנץ ביי די חתונה פון מו"ה יעקב לעזער שליט"א.

## אריינפיר

איך וואלט באמת געקענט אפשרייבן אין געציילטע שורות "תיקון טעות" און בלייבן ביי דעם, אבער די גאנצע מעשה דא האט מיך געמאכט טראכטן אז 'היכל הקודש' איז א פלאץ וואו עס האלט אין איין געשען היסטאריע, עס טוען זיך אפ היסטארישע געשעענישן יעדן איינציגן טאג.

דאס טוט טאקע רעפלעקטירן דעם לימוד וואס מען לערנט אין היכל הקודש, נעמליך אז יעדן טאג איז א נייע זאך, עס עקזיסטירט בכלל נישט אזא זאך ווי נעכטן, אלעמאל הייבט מען אן פון פריש, מען גייט היינט רעדן א ווארט צום אייבערשטן, מען גייט היינט זאגן איין פרק משניות, מען גייט היינט דאווענען איין מנחה'לע, מען גייט היינט געבן איין קוק ווייניגער אויף נישט גוטע זאכן.

## טעגליכע היסטאריע...!

עס איז שטארק אנמערקבאר ביי דעם ענין פון 'דור הולך דור בא', ווי חז"ל זאגן (קהלת רבה על הפסוק הנ"ל) אז יעדן איינציגן טאג גייט אוועק א אלטע דור און עס קומט צוגיין א פרישע דור. צומאל געבט מען פלוצלינג א בלינק מיט די אויגן און... 'פנים חדשות באו לכאן...' פלוצלינג זעט מען, עס האבן ארויסגעשפראצט נייע פנימ'ער... 'דור בא' א נייע דור פון בחורים יונגעלייט פולן זיך אן די לונגען מיט די לופט וואס מען טיילט דא בחינם, און ווייטער ליידער 'דור הולך' מען געבט זיך א קוק ארום און... וואו איז ער? 'והתבוננת על מקומו ואיננו...' אדער גאר 'רוח עברה בו ואיננו ולא יכירנו עוד מקומו...' ער איז שוין נישט דא צום געפונען... ופרח לו איש האמת... אים איז שוין גוט, ער ברויך נישט... דאס איז זאכן וואס קומען פאר אין היכל הקודש טעגליך.

היכל הקודש איז א פלאץ וואס איז מלא חידושים יעדן טאג, אזוי ארום קען אויסקומען אז אין די צייט וואס ביי אנדערע פלעצער מאכט זיך אז אלעס איז מפטירין כדאתמול, אלעס איז פונקט ווי נעכטן, נעכטן האט מען געהעריג... געלערנט מיט א חברותא, היינט לערנט מען אויך ווייטער מיט'ן זעלבן פרישקייט ווי נעכטן, דאס אז ער האט א חתונה היינט, אדער מען האט זיך היינט פארשמועסט, אדער אז איך בין געווען ביי א ווארט, מיין חברותא איז נישט דארט, א שיינע שמחה געטון נעכטן פראווענען, דאס מיינט נאכנישט אז די שיעור איז אויס, זאכן זענען רוטין, די זעלבע יעדן טאג, אין היכל הקודש איז חדתין נבוט... נייע מלאכים ווערן באשאפן, יעדן טאג מיט איר פרישקייט הייבן זיך אן פרישע נסיונות,



מיט פרישע טשעלענדזשע'ס, דאס מאכט אז דער פלאץ 'היכל הקודש קודש קדשים בכל עת ורגע מחדש חדשים', אזוי אז זאכן וואס זענען געווען נעכטן איז שוין היינט היסטאריע.

פון די אנדערע זייט וואקסט אויף א דור וואס זענען נייגעריג צו וויסן די היסטאריע פון די פארגאנגענע יארן, און עס ליגט אויף אונז אלע דעם חיוב 'פאר אייערע קינדער זאלט איר לאזן וויסן וואס דא האט זיך געטון', עס איז וויכטיג איבערצוגעבן וואס מען האט מיטגעהאלטן פאר'ן יונגערן דור.

## מעשה אבות סימן לבנים

פיל מאל א פרישע מקורב הערט, 'כבר היה לעולמים', איך בין נישט דער ערשטער און איך בין נישט דער איינציגסטער, עס איז שוין געווען אזא מעשה, און מען האט זיך א עצה געגעבן, אדער יעדע זאך וואס עס האט שוין פאסירט ווי די וועלט זאגט 'היסטארי ריפיטס איטסעלף' ומה שאירע ליעקב אירע ליוסף, דאס קען אמאל געניצט ווערן ווי א אויג עפענער פאר א פרישע מקורב, אז 'מה שהיה הוא שיהיה' (ראשי תיבות מש"ה), ביים צדיק דרייט זיך כסדר ווי א וואש מאשין און מען דארף האבן 'אשר כח להם לעמוד בהיכל הקודש'.

## א קליין - אבער דאך א היסטארישע פינטל

דער ענין איבער וואס מיר גייען שרייבן היינט, איז טאקע א קליין פינטעלע פונעם רייכן היסטאריע פון 'היכל הקודש' אבער דאך איז דאס ווערד א באזונדערע ארטיקל.

איינס פון די היסטארישע שטריכן וואס איז פארגעקומען אין די פארגאנגענע יארן איז דער ענין פון די גראמען, און הגם עס איז נישט עפעס א מורא'דיגע היסטארישע געשעהעניש א שטייגער ווי די פרשה'ס וואס האבן געשטורעמט די וועלט, ווי דאס עפענען די ישיבה, שידוכים, חתונות וכדומה, אבער 'הואיל ואתא לידן נימא בה מילתא', אז עס איז אונטער געקומען צו רעדן דערפון, לאמיר א בליק טאן און זען וואס עס פארקערפערט זיך אונטער די 'מצוה טאנץ' וואס מוהרא"ש האט געטאנצן ביי די תלמידי הישיבה בכלל,



און בפרט די פאר מאל וואס דער ראש ישיבה האט אויסגערופן מוהרא"ש צו מצוה טאנץ ביי חתונות פון תלמידי הישיבה, און האפענטליך וועט דאס שוין אינאיינוועגס עפענען א נייע קאלום ווי אנשי שלומינו וועלן קענען איבערגעבן זייערע היסטארישע זכרונות פון די פארגאנגענע יארן אין היכל הקודש.

קודם דארפט מען וויסן אז דער ראש ישיבה האט 'למעשה' אויסגערופן מוהרא"ש זי"ע צו מצוה טאנץ פיר מאל, און איך שרייב למעשה, ווייל עס איז געווען אין פלאן אויסצורופן מוהרא"ש ביי נאך חתונות אבער עס איז נישט צושטאנד געקומען אויף 'למעשה' נאר די פיר מאל.

## די ערשטע שידוכים און חתונות אין ישיבה

די ישיבה האט זיך געעפנט אין שנת ת'הא ש'נת ס'ימן ט'וב לפ"ק, די ערשטע חתונה ווי דער ראש ישיבה האט אויפגערופן מוהרא"ש למצוות ריקודין איז געווען ביי די חתונה פון מו"ה' מרדכי אהרן חיים היילפרין הי"ו מיט די טאכטער פון מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו, ר' מרדכי אהרן איז געווען פון די ערשטע תלמידים פון די ישיבה, און ווי אויך איז זיין חתונה געווען פון די ערשטע חתונות פון תלמידי השיבה, די חתונה איז פארגעקומען דאנערשטאג פרשת חיי שרה כ' חשון תשע"א לפ"ק.

מוהרא"ש איז געקומען צו די חתונה, עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז מוהרא"ש איז געקומען מיט א שטריימל צו די חתונה, וואס דאס איז געווען א זעלטענע זאך (ווי איך געדענק האט מען דעמאלטס געשמועסט, אז דאס איז געווען אלס הכרת הטוב פאר מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו וואס ער האט מחי' געווען מוהרא"ש זי"ע ווען ער האט מנדב געווען פינף און צוואנציג טויזנט "פעולת הצדיק" ווען מוהרא"ש איז געווען אין א שווערע געדרוקטע צייט), ווי אויך איז מוהרא"ש געזיצן ביי די גאנצע חתונה ווי דאס וואלט געווען א חתונה פון זיינס אייניקל, און פארשטייט זיך אז מוהרא"ש האט געטאנצן מצוה טאנץ.

## א מיש צוריק מיט אפאר יאר

אז מען וועט געבן א שטיקל מיש צוריק דעם בלעטל, איך האב געלערנט צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה אין צעהלימער ישיבה אלס בחור, (אז דער אייבערשטער וועט מיר געבן כח וועט נאך אויסקומען צו באריכן יענע יארן) מיר האבן געהאט א טייערער מגיד שיעור א תלמיד חכם מופלג א ירא שמים א באבובער חסיד פון הרה"ק רבי שלמה זי"ע, מיר האבן געלערנט ביי אים די לעצטע פאר יאר איידער מיר זענען חתנים געווארן, מיר האבן אנגעהאלטן גאר א שטארקע קשר מיט אים אויך נאך די חתונה, מיר פלעגן אראנדזשירן שיעורים, צאמקומענישן און דרשות חיזוק ביי אים אין שטוב פון צייט צו צייט.

איין יאר האבן מיר אפגעמאכט אז מיר וועלן אריבערגיין פורים נאכמיטאג צו די סעודת משתה היין ביי אים אין שטוב, א חלק פונעם פראגראם איז געווען איך האב אנגעגרייט גראמען און דער ראש ישיבה האט עס געזינגען, איך האב דעמאלט גענומען א שיעור פונעם מגיד שיעור און עס אויסגעלייגט זייער שיין אויף גראמען, עס איז געווען גאר א געשמאקע געהויבענע פראגראם.

## מיין התקרבות צו מוהרא"ש

א קורצע צייט שפעטער איז דער ראש ישיבה מקורב געווארן צום גרויסן לעכטיגקייט, דער גרויסע צדיק מורינו מוהרא"ש זי"ע, און בחמלת השם עלי האט ער א קורצע צייט דערויף מיר מקרב געווען. מיר האבן ברוך השם צוזאמען דורכגעשווימען פילע וואסערן, מיר פלעגן צוזאמען גיין צו די שיעורים פון מוהרא"ש, דערנאך פלעגן מיר צוזאמען אריינגיין צו מוהרא"ש אין צימער, מיר האבן אסאך פארברענגט אינאיינעם מיט שיחות חברים, מיר האבן געהאט אסאך שיעורים וואס מיר האבן געלערנט בחברותא, וואס עס פארלאנגט זיך באזונדערע ביכער אפצושרייבן די היסטאריע פון יענע תקופה, ועוד חזון למועד בעזרת השם.

## דער ניגון וואס האט אויפגעהאלטן דעם ראש ישיבה א גאנצע נאכט

עס איז געווען אינעם דריטן יאר פון ווען די ישיבה האט זיך געעפענט (תשס"ט - תשע"א) עס איז געווען אין די טעג וואס מען האט געהאלטן ביי די לעצטע פאזע פון זיך אריינציען אינעם נייעם בנין אויף 27 סקילמאן, די ישיבה איז נאך דאן געווען אין ביאלע בית המדרש אין בארא פארק, די תלמוד תורה איז געווען אין די בעיסמענט פון רבי יצחק שליט"א. איין טאג זאגט מיר דער ראש ישיבה: "עס איז ארויסגעקומען א נייע סידי פון ר' ישראל דגן, איך האב געהערט איינע פון די ניגונים, איך האב שוין נישט געקענט שלאפן א גאנצע נאכט,



איך האב עס איבערגעהערט טויזנט מאל, איך האב געוויינט אויף דעם ניגון א גאנצע נאכט, די טאן און די ווערטער האבן מיר אזוי געעפענט די הארץ". עס איז געווען די אלבום מיטן נאמען 'ואני רופא אותה', דארט איז דא א ניגון באזירט אויף די לעצטע שטיקל פון סיפורי מעשיות די מעשה פון די זיבן בעטלער, ווי דער רבי רעדט פונעם פארלוירענעם בת מלך וואס איז אריינגעלאפן אינעם וואסעריגן שלאס, דער ניגון הייסט 'בת מלך אבודה'.

### עס קומט אריין די געדאנק פון גראמען

דער ראש ישיבה האט מיר דאן געזאגט, אז עס איז אים אריינגעקומען א בליץ אין קאפ, היות מיר האבן באקומען אזויפיל חיות פון די לימודים פון מוהרא"ש, האט אין אונז געברענט 'איין זאך' ווי אזוי קען מען אריינברענגען די זיסע לעכטיגע לימודים פון מוהרא"ש אין גאנץ כלל ישראל. דער ראש ישיבה האט מיך דערמאנט איבער די גראמען וואס איך האב צוזאמגעשטעלט יענעם פורים און ער האט עס געזינגען, האט ער מיר געזאגט אפשר זאלן מיר מאכן גראמען אויף דעם ניגון, און מיט דעם זאל מען אויסרופן מוהרא"ש צו טאנצן מצוה טאנץ ביי מרדכי אהרן'ס חתונה.

דער ראש ישיבה האט מיר געגעבן צו הערן דעם ניגון, איך האב עס אנגעהויבן צו הערן, איך בין געזיצן א לאנגע צייט זוכן די ריכטיגע ווערטער, עס איז נישט מעגליך אנצוהייבן און ענדיגן אויסרופן מוהרא"ש א צדיק יסוד עולם, וואס איז זיך מוסר נפש פאר כלל ישראל פופציג יאר! ווי הייבט מען אן? דער ראש ישיבה האט מיר דאן געזאגט אז די גראמען זאלן נישט זיין אזוי ווי מען גראמט אויס געווענטליך אן אדמו"ר וכדומה - מען רעכנט אויס די שבחים פונעם רבי'ן - נאר עס זאל ארויסברענגען אין גראמען די לימודים וואס מוהרא"ש לערנט אונז,

אין א וועג וואס די צוהערער זאלן קענען ארויסגיין נאכן עס הערן מיט עפעס אויף צו טון למעשה.

## די מניעות אויפן וועג

איך האב אנגעהויבן מאכן א משל מיט א נמשל, געשריבן און געמעקט גאנצעטע ביכער... איך האב פרובירט ווי מער צו צולייגן די נקודות וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט מיט אונז, עס איז געווען זייער א שווערע ארבעט צו קאנצעטרירן אלעס וואס מיר באקומען פון מוהרא"ש, דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט מער און מער אז עס זאל זיין ווי פשוטער, פשוט פשוט, עס זאל זיין ווערטער וואס זאלן ארויסברענגען די לימודים פון מוהרא"ש אזוי אז די צוהערער זאלן דאס קענען ניצן לעבודה ולמעשה.

עס דערנענטערט זיך די זמן החתונה און עס איז נאכנישט געווען גרייט, אבער ברוך השם די געדאנקן זענען געווארן אלס מער קלארער, ווי איר קענט היינט הערן דעם ניגון, איז עס באזירט אויף די עיקרים וואס מוהרא"ש לערנט מיט אונז, ברוך השם אז ממש אין די טאג פון די חתונה בין איך געזיצן צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה און מיר האבן עס געענדיגט ווען מען האט שוין געדארפט לויפן, מיר זענען געלאפן צו די חתונה, איך האב ארויסגעפרינט די גראמען, און דער ראש ישיבה האט מיך געבעטן אז איך זאל שטיין קעגן איבער אים - בשעת'ן גראמען - און אים וויזן אויב עס איז גוט.

דער ראש ישיבה האט אויסגעלערנט די גראמען פאר צוויי בחורים, לייבי ראטענבערג און מנחם מענדל שימשאוויטש זיי האבן געמאכט הארמאני אויף די פזמון, עס איז געווען אין ראויז קעסעל זאל . . ... יענע תקופה האט מען געמאכט די חתונות פון תלמידי הישיבה אין יענעם זאל, עס איז געווען ביליגער פון אלע געוועזנטליכע זאלן, עס האט געהאט א סטעידזש אויבן פאר די זינגער און די צוויי בחורים זענען ארויפגעגאנגען אויבן און דארט האבן זיי געהאט א מייק און געהאלפן מיט די פזמון.



א שטיק צייט פאר די חתונה האט דער ראש ישיבה אנגעפרעגט רשות פון מוהרא"ש אז ער וויל אים אויפרופן מוהרא"ש צום מצוה טאנץ און מוהרא"ש האט מסכים געווען.

## דער אטעם באמבע ווערט געווארפן

עס איז געקומען למעשה, איך קען נישט ארויסברענגען מיט ווערטער וואס דאס האט געמיינט זיך אויפשטעלן גראמען, מען קען זאגן אז די גראמען איז געווען ווי דער ערשטער אטעם פון אמונה וואס איז געווארפן געווארן אויף די היימישע באדן.

קודם כל דעמאלטס האט נאך קיינער נישט געהאט געהערט פון מוהרא"ש בכלל, מען האט קיינמאל נישט געזען דעם צדיק מוהרא"ש, מוהרא"ש איז געזיצן ביי זיך אין גן עדן התחתון, און געדינט דעם אייבערשטן, קיינער האט נישט געוויסט פון אים צו זאגן.

צווייטענס אפילו די וואס האבן יא געהערט פון מוהרא"ש, האבן אים געקענט אלס א חוזק און אפגעפרעגטער מענטש, דאס זעלבע איז געווען מיט'ן נאמען 'מוהרא"ש' קיינער האט נישט געוויסט וואס איז די באדייט פון די ווארט 'מוהרא"ש', און די וואס האבן יא געוויסט איז עס געווען מיט א ליצנות.

אלזא ווען עס איז געקומען די מינוט און דער ראש ישיבה שליט"א האט גענומען די מייק אין די האנט און זיך אויפגעשטעלט בפני קהל ועדה, פאר א געפאקטע זאל פון היימישע אידן,ביידע זייטן זענען גרויסע משפחות, די זאל איז געווען אנגעפילט מיט משפחה, רבנים, דיינים, און סתם אידן, און פלוצלינג שטעלט זיך אויף א יונגערמאן מיט אזא עזות דקדושה, און אויף די העכסטע טענער זינגט ער אזוי הארציג און שיין אראפ מיט א פזמון אין קורצן די גאנצע לימוד פון מוהרא"ש, די אלע וואס זענען דארט געווען און געהערט אזוי קלאר די לימודים פון מוהרא"ש זענען עלעקטעריזירט געווארן, עס איז געווען ממש ווי א אטאם באמבע... און די כוואליעס פונעם שאק האבן זיך גאר ווייט געשפירט, ווער האט זיך געוואגט צו זאגן די ווארט מוהרא"ש... מען האט געציטערט צו זאגן די ווארט מוהרא"ש, אפילו צווישן אונזערע חברים איז געווען פארשידענע קאוד נעמען וואס מען האט געניצט ווען מען האט געוואלט רעדן פון מוהרא"ש.

דער ראש ישיבה האט געמאכט א קורצע הקדמה אויף די טאן פונעם ניגון 'ואנפהא נהירין' און דערנאך אנגעהויבן די



היסטארישע הארציגע גראמען, וואס ווער עס הערט עס ביז'ן היינטיגן טאג האט א הרהור תשובה.

## די הייליגע קונטרסים פופציג יאר געשריבן

די פזמון 'אוי מוהרא"ש דאס איז אונזער לעבן... ווי וואלטן מיר געווען ווי וואלטן מיר אויס געזען אן מוהרא"ש...'

אלע קינדער האבן די גאנצע שבע ברכות געקלינגען מיטן פזמון... 'אין די הייליגע קונטרסים פופציג יאר געשריבן... אן דעם וואס וואלט פון אונז געבליבן'.

יא! די הייליגע אבער פארשעמטע קונטרסים, וואס מען האט געהאט במסורה מדור דור ביז'ן סמ"ך מ"ם אליין... אז אין דעם טאר מען חס ושלום נישט אריינקוקן, איז פלוצלינג געווארן 'הייליגע קונטרסים' וואס אן דעם וואס וואלט פון אונז געבליבן!

איך האב עס דעמאלט נישט געשפירט, אבער ווען איך האב מיך געגעבן א כאפ וואס דא האט זיך געטון, האב איך געזען, יא! מען האט געוואורפן דעם אטאם, עס האט געטרייסלט, עס איז טאקע געווען לפי ערך א קליינער עולם, אבער אין די היימישע וויליאמסבורג צווישן די וואס מען רופט 'שלומי אמוני ישראל' איז געזאגט געווארן מיט א דרייסטקייט דעם דבר השם! היינט - ווען דער נאמען מוהרא"ש איז שוין אזוי שטארק אריין אין די וועלט - קען מען עס שוין נישט פארשטיין וואספארא מאס עזות דקדושה עס האט זיך אויסגעפעלט דאס צו טון.

דאס איז געווען די ערשטע חתונה וואס דער ראש ישיבה האט אויסגערופן מוהרא"ש צו מצוות ריקודין.

נאך א זאך איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז מוהרא"ש האט זיך איבערגעדרייט די קאפל דעמאלטס ביי יענע חתונה וועגן עין הרע, אבער למען ה'פונקטליכקייט וויל איך נישט זאגן אויף הונדערט פראצענט זיכער, איך געדענק נישט פונקטליך צו איך האב עס אליין געזען אדער געהערט פון א צווייטן דעמאלט.

## די צווייטע חתונה

אזוי ווי די גראמען זענען געווען אזוי רייך און סוקסעספול, זענען מיר געגאנגען צו די נעקסטע סטעפ, עס האט זיך דערנענטערט די חתונה פון מו"ה בנציון הי"ו בן מו"ה נפתלי יאקאבאוויטש הי"ו פון ארץ ישראל עב"ג בת ידידינו מו"ה מרדכי יונה שיק הי"ו, האבן מיר זיך געגרייט אויף א פרישע אטאקע... די חתונה איז געווען מיטוואך פרשת בשלח ז' שבט תשע"א, דא האט שוין דער ראש ישיבה ארויסגענומען א ניגון פון זיינע ארכיוון, דער ניגון האט דער ראש ישיבה גענומען פון גראמען וואס ער האט געהאט אויפגערופן כ"ק אדמו"ר מ'וויען שליט"א און ער האט עס דא אדאפטירט, דער ראש ישיבה האט מיך אויסגעלערנט דעם ניגון, און אנהייבענדיג מיט'ן הקדמה אויף די טאן פונעם ניגון 'אהרון חביב', האט מען אריינגעפלאכטן הערליכע גראמען פאר די הקדמה, און נאכדעם אנגעהויבן מיטן ניגון פאר די גראמען. אנהייבענדיג מיט די מעשה וואס דער רבי דערציילט (מעשה מזבוב ועכביש) וואס עס האט זיך געטון אויבן אין הימל ווען די נשמה פון רבי'ן האט זיך געגרייט אראפצוקומען אויף דער וועלט, און ווייטער איז די גראמען געווען באזירט בעיקר אז ווער עס הערט דאס זאל דאס זיין פאר אים ווי א שיעור מיט וואס ער קען אהיימגיין אויף לעובדה ולמעשה.

די גראמען זענען געווען אזוי הארציג אז דער ראש ישיבה האט זיך עטליכע מאל זיך געשטיקט שטילערהייט מיט טרערן, בפרט ביי די פזמון, 'אוי הייליגע רבי נאר דו קענסט אונז פארשטיין, אן דיינע עצות אן דיינע וועגן ווי וואלטן מיר געקענט אנגיין, די הייליגע קונטרסים די הייליגע ספרים דאס איז אונזער גייסט, וואס מוהרא"ש האט געשריבן זיין גאנצע לעבן דאס איז אונזער טרייסט'.

נאך די גראמען איז טאקע צוגעקומען א עלטערער איד א נאנטער קרוב משפחה, מיט טרערן אין די אויגן אז עס האט אים אזוי באנומען די ווערטער וואס דער ראש ישיבה האט געזינגען: 'א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, עס איז דיר זייער קלאר, נישט געעפנט קיין ספר, אנכי עפר ואפר, מ'האלט שוין נאכאמאל סוף יאר...' און באלד דערויף איז געקומען די עצה פון רבי'ן ווי מען קען דורכגיין כל התורה כולו אזוי זיס אויפ'ן דרך הלימוד, דער איד האט געקושט דעם ראש ישיבה, ער האט געזאגט אז ער האט זיך פארגענומען אנהייבן צו לערנען אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן.

## איין חתונה אינדערצווישן

די חתונה פון מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו איז פארגעקומען ב' טבת תשע"ב, די חתונה איז געווען אין מאנסי, מען האט נישט געוויסט צו מוהרא"ש וועט זיך ארויסשלעפן און קומען צו די חתונה קיין מאנסי, למעשה איז געווען א חידוש, מוהרא"ש איז געקומען צו די חתונה, מוהרא"ש איז געווען זייער שוואך יענעם יאר, עס איז געווען די יאר וואס מוהרא"ש האט געכאפט די שווערע הארץ אטאקעס, מוהרא"ש איז טאקע נישט געבליבן צום מצוה טאנץ.

## די דריטע חתונה

די חתונה פון מו"ה יואלי לעווי הי"ו איז



געוועזן דאנערשטאג ויצא ח' כסלו שנת תשע"ג, היות די חתונה איז געווען אויף א דאנערשטאג האט מען צוריקגערוקט די וועכנטליכע שיעור פון מוהרא"ש אויף מיטוואך כדי מוהרא"ש זאל זיך קענען באטייליגן ביי די חתונה. יענע גראמען איז געווען פריש, איך האב גענומען די שיעור וואס מוהרא"ש האט געזאגט מיטוואך און עס ארייגעלייגט אין גראמען, עס איז געווען אביסל אויף א אנדערע סטייל, אביסל גרינגער ווי די פריערדיגע גראמען, ווייל עס איז געווען באזירט אויף איין ליל שישי (ליל חמישי...) שיעור. מען האט נישט געדארפט אזויפיל נישטערן אין די ריזיגע ים פון די לימודים פון מוהרא"ש און דאס קאנצעטרירן, אין געציילטע מינוטן.

מוהרא"ש האט ארויסגעוויזן א ספעציעלע חביבות צו די ערשטע תלמידים פון ישיבה, אויפן וועג ארויס פון די חתונה פון יואלי לעווי האט זיך מוהרא"ש אויסגעדרוקט אויף זיינע באליבטע טייערע תלמידים פון ישיבה תפארת התורה 'דאס זענען מיינע גאלדענע קינדער'.

ספעציעל האט מוהרא"ש געהאט א געוואלדיגע הכרת הטוב צו הרה"ח ר' שמחה לעווי הי"ו וואס האט אזוי שטארק ארויסגעהאלפן ווען מוהרא"ש האט געהאט די הארץ אטאקע רחמנא לצלן א יאר בעפאר אין שנת תשע"ב, מוהרא"ש איז געקומען מיט א שטריימל, מוהרא"ש איז געווען דארט מסדר קידושין און איז געזיצן ביי די גאנצע חתונה.

נאך די גראמען פון יואלי'ס חתונה איז דער זון פון מוהרא"ש הרב רבי נחמן שליט"א צוגעקומען צום ראש ישיבה, ער האט נישט געקענט קומען צו זיך פון התפעלות פון די גראמען ווי דער ראש ישיבה האט אויסגערופן מוהרא"ש.

## די פערטע און די לעצטע חתונה

יענעם זומער איז פארגעקומען די חתונה פון מו"ה יעקב פיש הי"ו, דינסטאג פרשת בהעלותך י"ב סיון תשע"ג, מוהרא"ש איז געקומען צו די חתונה און דער ראש ישיבה האט אויסגעראמט מוהרא"ש אויף א הערליכע טאן (היינט זינגט מען עס אין אלע ברסלב'ע שולן יום טוב אויף 'קל מלך') וואס דער ראש ישיבה האט אדאפטירט פון די שול פון זיין עלטער שווער דער ווייצענער רב זצ"ל, דארט פלעגט עס איינע פון די בעלי תפילות זינגען, און יעצט האט מען געמאכט גראמען.

די גראמען זענען אויך געווען באזירט אויף א ליל שישי שיעור, מוהרא"ש איז געקומען מיט א שטריימל, מוהרא"ש איז געווען דארט מסדר קידושין און איז געזיצן ביי די גאנצע חתונה.

די גראמען זענען טאקע נאר געזינגען געווארן ברבים פיר מאל, אבער מען קען זאגן אז עס האט געהאט גאר א שטארקע אימפעקט אויף די וועלט, די גראמען זענען נישט געבליבן נאר צווישן די ווענט פון די חתונות, עס איז רעקארדירט געווארן און פארשפרייט געווארן צו הונדערטער טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט, אידן איבער די וועלט האבן באקומען ממש כשלחן ערוך אין קורצן מיט א געשמאק די לימודים פון מוהרא"ש אזוי שיין און הערליך.

## אנדערע חתונות

עס זענען געווען נאך חתונות אין יענע יארן, נישט ביי יעדע חתונה האט זיך אויסגעשטעלט אז מען האט געקענט אויסרופן מוהרא"ש צו מצוה טאנץ, נישט אלעמאל זענען מיר געווען גרייט מיט גראמען אין צייט, ווי אויך נישט אלע אומשטענדן ביי די חתונות האט מען ערלויבט אויסצורופן מוהרא"ש.

מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו האט חתונה געהאט אין חודש שבט תשע"ג, מוהרא"ש האט זיך באטייליגט און געטאנצן מצוה טאנץ.

די חתונה פון מו"ה מאטי הערצאג הי"ו איז פארגעקומען אדר תשע"ד, מוהרא"ש האט זיך באטייליגט און געטאנצן מצוה טאנץ.

די חתונה פון מו"ה אשר לעווי הי"ו איז פארגעקומען אום חודש אב תשע"ד, מוהרא"ש איז געווען ביי די חתונה, און געטאנצן מצוה טאנץ, אבער ער איז געווען זייער געיאגט ער איז דעמאלט אפגעפלויגן קיין ארץ ישראל.

נאך אינטערעסאנטע זאכן זענען פארגעקומען אין און ארום חתונות פון תלמידי הישיבה די לעצטע יאר פון מוהרא"ש עלי אדמות, עס איז געווען אנגעגרייט א רייכע פראגראם פאר די שבע ברכות פון מו"ה יודי פריינד הי"ו און מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו, ווי מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו האט אנגעגרייט הערליכע גראמען אויף די ניגון 'א שיינע חלום', אריינגעפלאכטן די גאנצע לימוד פון מוהרא"ש הערליך שיין, אבער מוהרא"ש איז נפטר געווארן א קורצע צייט בעפאר י"ז שבט תשע"ה, למעשה האט דער ראש ישיבה שליט"א געזינגען די גראמען ביי די שבע ברכות וואס איז פארגעקומען אין ישיבה.

דאס לעצטע מאל וואס מוהרא"ש איז געווען אין ישיבה איז געווען ביי די שבע ברכות פון מו"ה שמואל דוד ברוין הי"ו, כסלו תשע"ה.

מיר האפן צו קענען ממשיך זיין מיט דעם שיינעם אפטיילונג, אויב האט איר סיי וועלכע הערה ביטע שיקט אריין פאר די מערכת.



# קליין און שיין!

## תלמוד תורה היכל הקודש
## קרית ברסלב כיתה א'



# א מעשה פון תפלה פאר קינדער

לאה'לע איידליס תחי' פון וויליאמסבורג פארציילט:



# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

ברסלב
שטיצט ברסלב

## קרית ברסלב ספרים סטאר

51 Twin Bridge Liberty NY 12754

מיר האבן א גרויסע אויסוואל פון אלע ספרים,
ביכלעך און דבשודעיקא אייטעמס, פאר אייך און
די גאנצע משפחה.

לייבי ראטה
347-578-4449




**KB GROUP**
property management and construction team

**845-637-5367**




**LOUNGE**
computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

דארפט איר א הענדימאן אין שטעטל רופט
ישראל סאמעט
845-866-4101




די פראכטפולע אינוויטעישאן פרעזענטאציע וואס איז
געווארן געשיקט אין בערפארבערייטונג צו די מסיבת
ראש חודש מיט די ראש ישיבה שליט"א, ביי וועלכן די
גרעסערע תומכים פון די כולל זענען געווארן איינגעלאדענט.



# בילדער
## אפטיילונג







ברית פון הילד אליעזר שלמה נ"י בן מו"ה הלל ווייס הי"ו
מיטוואך מקץ



אין שטוב פון מו"ה יעקב לעזער שליט"א צוזאמען מיט די קינדער וואס לערנען די דף גמרא יעדן טאג - ד' מקץ



קביעת מזוזה ביים נייעם דעלישעס פיש סטאר - ד' מקץ




דער ראש ישיבה ביי א שמועס מיט די בחורים - ב' מקץ




הפצה פארברענג אין שטוב פון האברך מו"ה שבתי מזרחי הי"ו - ג' מקץ



קרעדיט: ישראל לוין

חנוכה ליכט צינדן אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק



קרעדיט: יודא לייב ווייס

חנוכה ליכט צינדן אין בית המדרש אשר בנחל



קרעדיט: הענך אינדיג



קרעדיט: הענך אינדיג

חנוכה ליכט צינדן אין שטעטל



קרעדיט: הענך אינדיג



קרעדיט: משה ראזענבערג

חנוכה ליכט צינדן אין היכל הקודש ירושלים



קרעדיט: יוסי פרערויא

שיעור ליל ששי פרשת מקץ אין שטעטל



קרעדיט: משה איינהארן

דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט אנשי שלומינו נאכן שיעור ליל ששי מקץ




קביעות מזוזה ביי הענין׳ס טעיסט - ה׳ מקץ




אין א שמועס מיט אנשי שלומינו ביי הענין׳ס טעיסט
ה׳ מקץ



דער דיין שליט״א ביים באזוכן דעלישעס פיש סטאר און
געבן דעם הכשר



דער ראש ישיבה שליט״א קויפט איין פיש ביי ״דעלישעס
פיש״ סטאר אין שטעטל







חנוכה ליכט צינדן ביים ראש ישיבה אין שטעטל
מוצאי שבת מקץ







די בחורים ביים חנוכה ליכט צינדן אין שטעטל
ערב שבת מקץ


קרעדיט: אייזיק ראטה

מלוה מלכה אין תלמוד תורה, צוזאמען מיט'ן חנוכת הבית פארן נייעם בנין התלמוד תורה - מוצש"ק מקץ


קרעדיט: אלחנן זויבערמאן

יושב ראש פון די מעמד מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו ביי זיין דרשה


קרעדיט: יוסי פרערויא

מו"ה רפאל פורסט הי"ו אדמיניסטראטער המוסדות ביי זיין דרשה


קרעדיט: יוסי פרערויא

סיום הש"ס פון האברך מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו


קרעדיט: יוסי פרערויא

סיום 54'סטע מאל ששה סדרי משנה פון האברך מו"ה ברוך אפעלדארפער הי"ו



דער ראש ישיבה ביי די דברות קודש בייםמעמד חנוכת הבית מוצאי שבת מקץ



סיום משניות פון די קינדער



סיום משניות פון די קינדער



סיום משניות פון די בחורי הישיבה



סיום משניות פון די בחורי הישיבה



סיום 101 מסכת תענית



סיום הש"ס פון די אינגעלייט



סיום ספר זוהר הקדוש פון די אינגעלייט

# פריילעכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250